יוסף אָפּאַטאָשו

ראָמאַן פֿון אַ פֿערד-גנבֿ

(1912)

## 1

שבת נאָכמיטאָג.

סנאָפּעס גלײענדע שטראַלן האָבן אַרײַנגעשטראָמט דורך דעם אָפֿענעם פֿענסטער, רעפֿלעקטירט, און צוויי זילבערנע זײַלן האָבן זיך באַוויגן אין דער לופֿט. צווישן די זײַלן איז געלעגן אַ ווײַסע פֿעטע קאַץ מיט אַ שוואַרצע לאַטקע אויף דער נאָז. די פֿאָדערשטע לאַפּקעס אויסגעצויגן, די מאָרדעטשקע מיט די גרינלעך־פֿאַרזשמורעטע אויגן אײַנגעטוליעט אין די לאַפּקעס. עס האָט זיך געדאַכט זי חלומט. עס איז דורך אַ פֿליג. די קאַץ האָט אַ שליידער געטאָן איר עלאַסטישן קערפּער, געכאַפּט די פֿליג, זיך באַלעקט, געלייגט זיך אין דער זעלבער פּאָזע און געחלומט ווײַטער.

שלמה „קראַדניק“, אַ הויכער דאַרער ייִד מיט אַ שיטער בערדל, איז געשלאָפֿן אויף אַ פּערינע נעבן טיר. טראָפּנס שווייס, ווי אַרבעס, זײַנען אַרויס אויף זײַן גרויסן שטערן, וואָס האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט זײַן גלאַנציקן פֿליכעוואַטן קאָפּ. די טראָפּנס שווייס זײַנען געשטאַנען אַ ווײַלע, נאָכדעם זיך פֿאַרקערעוועט, און לאַנגע וואַסער־פֿעדים האָבן זיך אַראָפּגעשנירלט איבער שלמהס דאַרלעכע באַקן.

חנה, שלמהס טאָכטער, אַ מויד פֿון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, איז געשטאַנען לעבן שפּיגל און זיך געקעמט די האָר. זי האָט עטוואָס אויפֿגעהויבן איר שטייף געקראָכמאַליעט קלייד, געמאַכט עטלעכע טריט צוריק, אויסגעשטעלט קאָקעטיש אַ פֿוס ווי צום טאַנץ און זיך צעשמייכלט.

— נו, געגוג זיך שוין צו פּיצן! — האָט שרה, חנהס יונגערע שוועסטער, שוין אויך אַ מיידל אין די יאָרן, זיך אָנגערופֿן אַרויסגייענדיק — וועסט בערקען אַזוי אויך געפֿעלן!

— זאָלסט דיר אין די אויגן ! — האָט איר לאה נאָכגעשריגן. זי איז דורך עטלעכע מאָל די שטוב און איז אַרויס.

תרצה, שלמהס ווייב, אַן עלטערע יידענע אין אַ רויטער „באַרכאַנקע" *), אין אַ קאָלירטער שלאָף־קופּקע אויף דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ, איז געזעסן לעבן אָפֿענעם פענסטער, זיך אויסגעשאָבן אַ בריקווע און מיט אַ שמייכל אויף דעם פּנים זיך צוגעהערט, ווי חברה האָבן דערציילט מעשיות.

אונטערן פענסטער אויף אַ פיר־פיסיקע באַנק זיינען געזעסן עטלעכע עלטערע פערד־הענדלער אין די וועסטן, די טוכענע היטלעך מיט די קליינע דענקעס פאַרשוואַרצט און געשמועסט :

— צי כ'קען אליהו „ווילנער"? — האָט אָנגעהויבן אַ געלער ייד מיט אַ געפלעקלט פּנים — אַ געלעכטער כ'לעבן ! כ'האָב דאָך ביי אים געאַרבעט איבער צוויי יאָר, אויף אַלע ירידים מיטגעפאָרן, צוזאַמען געגעסן. דער בחור פלעגט „אַריינשיבן" אויף איין זיץ אַ גאַנץ זייטל קעלבערן־פלייש, ווי כ'בין אַ ייד ! איבער אים טאַקע, בין איך דאָך געזעסן צען חדשים איבערן „קובעל" — — —

חברה האָבן זיך צעשמייכלט.

— איר לאַכט. נאָר גלויבט מיר, ס'איז אַ רחמנות אויפן ייִנג ! ער האָט דאָך קיין בייזע גאַל נישט !

— אַ קלייניקייט עפּעס — האָט זיך תרצה אָנגערופן, און בשעת־מעשה אַריינגעפּאַקט אין מויל אַריין אַ פולן לעפל אויסשאָבעכץ — צען יאָר זיך יאָגן נאָך אַ גנב ! איר ווייסט, שוין איבער צען יאָר ווי פּאָליציי יאָגט זיך נאָך אים אין די ראַדזענאָווער וועלדער ! און ווען נישט „סטאַך", וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין אליהוס „קאָכאַנקע" און אים איבערגעגעבן דער פּאָליציי, וואָלט מען אים נאָך עד־היום נישט געכאַפּט ! כ'האָב זיך אָבער געחידושט — האָט תרצה ווייטער געזאָגט — דער ייִנג איז דאָך געווען ווייט פון יידן, זיך שטענדיק אַרומגעשלעפּט מיט דער „קאָכאַנקע", און פונדעסטוועגן האָט מען דורך דער גאַנצער צייט נישט געהערט, ער זאָל איבערפאַלן עפּעס אַ ייד, ער פלעגט אַלץ איבערפאַלן רייכע פּריצים, גלחים — — —

*) „באַרכאַנקע" — אונטערקלייד



— יאָ — האָט איינער אַ ברום געטאָן — מען וועט מיט דעם בחור לערנען בלק.

— ווייס איך וואָס ? — האָט אַ דריטער געענטפערט. — געטראָפן ס'אָרט ! פאַרגעסט נישט, אַז אליהו פלעגט אַריין דורך אַ קוימען, איינשלעפערן אַלע אין שטוב, אויפהאַקן קאַסעס, איבערלאָזן אַ קוויטל, אַז ער, אליהו, איז געווען און אַרויס ! נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען משפּט אליהון. היינט פאַרמשפּט מען אים און מאָרגן איז ער ווידער מיט זיין באַנדע אין די ראַדזענאָווער וועלדער. איר האָט אָפּגעזאָרגט פאַר אים !

— ווען כ'דערמאָן זיך — האָט דער געלער אָנגעהויבן און אָפּגעהוסט — ווי אליהו האָט אַמאָל געשטאָכן אַ שייגעץ, שטעלן מיר זיך האָר און נעגל קאַפּויר. האָרכט :

— דאָס וועט זיין... כ'ווייס... נו יאָ, באַלד : דאָ ווען איך צען יאָר, איך דאָרף צוויי, און דריי ביי פּאָניען, נו, וויפל איז עס ? דאַכט זיך...

— אַ יאָר פופצן — האָבן זיך עטלעכע יידן אָפּגערופן מיט אַמאָל.

— הם, שוין פופצן יאָר ! די יאָרן לויפן ! נו, בקיצור ווי האַלט איך ? יאָ.

— דער „רימאַקער" שרדה האָט געהאַט אַ גניאַדע קאָבילע מיט ווייסע לעטשעלעך איז זי ווערט געווען אַ פינף הונדערט קערבלעך. אליהו וואַרפט אַן אויג אויף דער קאָבילע און שלעפט מיך נאַכט־איין, נאַכט־אויס נאָך רימאַקעס. בקיצור, מיר האָבן די קאָבילע נישט געקאָנט בעמען. כ'האָב געמיינט, אַז דער ייִנג קריגט די נכפּה. ענדע „זשגיוועס" מאַכט ער צו מיר : הער, אין „הויף" איז היינט יום־טוב, די פּאַראָבקעס האָבן אַ גאַנצע טאָג געזאָפן און שלאָפן געוויס איצט ווי געהרגעטע, קום, מיר נעמען היינט די קאָבילע. בקיצור, מיר האָבן מיטגענומען „קאָסטעקן", דעם לעשניקס זון. איך בין געבליבן שטיין אונטערן פאַרקאַן, זיי זיינען אַריין אין דער סטאַדאָלע, אַרויסגענומען עטלעכע בונטן שטרוי, צעשפּרייט איבערן הויף, אַרויסגעפירט דאָס פערד. מאַכט זיך אַ זשרעבאַקל אין מיט. אונטערן הויף האָט דאָס זשרעבאַקל אַ פּנים זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמע און גענומען הירזשען אַן אויפהער. אליהו האָט געהייסן אַרונטערפירן דאָס זשרע־

באַקל זײַן ריוו און דאָרט עס איבערלאָזן. דער שייגעץ פאַרקערעוועט צום ריוו, נעמט אַרונטער דעם זשרעבאַק. מיר שטייען און וואַרטן. מיט אַמאָל צערעוועט זיך דאָס זשרעבאַקל אַזוי, אַז דאָס בלוט אין די אָדערן איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן. מיר זײַנען אַרונטער אין ריוו: דער בחור שטייט און שנײַדט דעם זשרעבאַק איבער דעם האַלז מיט זײַן טעמפּ מעסער. כ׳זאָג אײַך, אַזאַ אימה איז מיך באַפאַלן! אליהו איז געווען בלאַס ווי קרייד, האָט אַ שפּיי געטאָן דעם שייגעץ גלײַך אין פּרצוף אַרײַן, געזאָגט „פּשאַ־יוכאַ” און אַרויס.

דעם גאַנצן וועג האָט אליהו אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, אײַנגעקוועטש די פויסטן, אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן און געשפּרייזט. אַז מיר זײַנען צוגעקומען צו דער „אָלשינע”, האָט זיך אליהו אָפּגעשטעלט, אָפּגעמאָסטן קאָסטעקן מיט זײַן אויג:

— „פּשאַ־קרעוו”, פאַרוואָס האָסטו געשחטן דעם זשרעבאַק?

קאָסטעק איז צעמישט געוואָרן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אליהו האָט אים אַ פּלאַם געטאָן אין פּיסק אַרײַן.

קאָסטעק האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער כאָליעווע אַ מעסער. אליהו האָט זיך אַ שלײַדער געטאָן אויף קאָסטעקן, אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער און אים דורכגעשטאָכן ווי אַ זיפּ, קרעכצנדיק: „עסט שחטן אַ זשרעבאַק? עסט שחטן?” — — —

דער געלער איז געבליבן שטיל. די ייִדן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיך פאַרטראַכט.

— געווען אַמאָל צײַטן! — האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ זיפץ אַ גרויער ייִד מיט אַ גראָבע נאָז און אַ האַלב אויסגעקראָכענע וואָנסן — אַ פּנים פון טאַבעק־שמעקן — האָט בשעת מעשה אַרויסגענומען אַ שקעטעלע געמאַכט פון קאָרע און מכבד געווען דעם עולם.

די טיר האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעפּראַלט און אַ הויכער, ברייטבייניקער ייִנג מיט אַ פּאָר בלויע, קינדישע אויגן איז אַרײַן אַ פאַריאַכמעטער. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, געטאָן אַ שלײַדער אויפן טיש און אַ קוטשמע פלאַקסענע האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער זײַן פאַרשוויצטן שטערן.

— מאַמע, כ׳שטאַרב עסן! כ׳האָב נאָך הײַנט פון דער פרי אָן גאָרנישט אין מויל געהאַט!



— לויפט מען נישט אַרום אַ גאַנצן טאָג! — האָט תּרצה געענטפערט.

— נו, מאַמע, מיר וועלן זיך שוין שפּעטער אויסשמועסן! איצט וויל איך עסן!

שלמה האָט זיך איבערגעטרייסלט, געפילט פּאַסקודנע אין מויל און גענומען שפּייען:

— תּרצה! תּרצה! כ׳שטאַרב אַ טרונק!

תּרצה האָט אים דערלאַנגט אַ וואַזעלע מיט פלוימען־יויך. שלמה האָט עס אויסגעזופּט, זיך באַלעקט, זיך איבערגעצויגן און זיך געשמאַק צעגענעצט.

— נו, זאַנוול, — האָט זיך שלמה געווענדעט צו זײַן זון, וועלכער איז געזעסן איבער אַ שיסל געזאָדענע הון מיט חלה און געמאָלט מיט די ציין, — וואָס הערט זיך עפּעס מיט אליהון?

— וואָס זאָל זיך הערן? מען האָט דעם בחור געבראַכט אַ געשמידטן אין קייטן! טאַטע, איז דאָרט געווען אַן עולם! קינד און קייט איז געשטאַנען און געוואַרט.

— גלויב מיר, ער וועט נישט זיצן! — האָט זיך שלמה אָנגערופן און איז צו צו זאַנוולען. — ווייסט, כ׳וועל דיר עפּעס בעסערס אָנזאָגן!

— וואָס איז?

— אַ „זמאָרע” האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו די פערד.

— וואָס? — האָט זאַנוול געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטער. — אַ זמאָרע?

— יאָ, יאָ! זי האָט שוין באַלד פאַרמאַטערט די פערד. שוין עטלעכע טעג ווי כ׳זע אַלע אין דער פרי, אַז די פערד זײַנען דערשוויצט. כ׳האָב גערעכנט די פערד זײַנען חולה. הײַנט אין דער פרי ווי דו ביסט נאָר אַרויס, הויב איך זיך אויף און גיי אין שטאַל אַרײַן — ס׳גיסט זיך פון די פערד דער שווייס, אין גרשיווע זײַנען אײַנגעפלאָכטן קאָלירטע סטענגעס; כ׳זע ס׳עסק איז נישט גלאַטיק! כ׳דערצייל עס דעם אַלטן דוכנע און דער זאָגט מיר: „באַ, שלאַמאַ, ביסט זינדיק, אַ „זמאָרע” איז אין דײַן הויז”. בקיצור, זאַנוול, מאַך זיך גאָר נישט וויסן פאַר דער מאַמע און נעכטיק הײַנט אין שטאַל. אַז דו ווילסט, נעם מיט מײַנע תּפֿלין.

— ווייס איך וואָס?! — האָט זאַנוויל געענטפערט. — זי וועט שוין אַ לעבעדיקע פון מיינע הענט נישט אַרויס!

---

## 2

תּרצה האָט אַראָפּגענומען פון טיש, אויסגעקערט די שטוב, אַרויסגעיאָגט מיט אַ האַנטוך די פליגן, פאַרהאָנגען דאָס פענסטער מיט אַ ליילעך און איז אַרויס.

שלמה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ רויטן שפּענצער און איז אַרויס פאַרשיטן די טערד אַן אָברעק.

זאַנוויל איז געבליבן איינער אין שטוב, האָט אַפּגעוואָרפן זיינע לאַנגע פיס מיט די ליאַקירטע שטיוול, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דעם ווענטל פון דער שטול און זיך פאַרטראַכט וועגן אליהון:

עס שוועבט פאַר אים דורך אליהו „ווילנער" ווי פון בראָנז אויסגעהאַקט, מיט זיין הויכן שטערן, מיט דיקע, לאַנגע, עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע וואָנסן. ער גייט אַ געשמידטער, פון ביידע זייטן זעלנער מיט אַרויסגעצויגענע שווערדן. ער גייט פעסט, דאָס פּנים קנייטשט זיך נישט, גיט זיך קיין ריר, די אויגן קוקן אויפן עולם, זוכן עמעצן.

עס באַווייזט זיך אַ יונגע שיקסע מיט אַ פּאָר בלוי־גרינלעכע אויגן, מיט אַ לאַנגן, דיקן, פלאַקסענעם צאָפּ.

אליהו לייגט אַרויף זיינע געשמידטע הענט אויף זיין „קאָכאַנקעס" האַלז. די שיקסע צעוויינט זיך אויפן קול, נעמט קושן זיינע געשמידטע הענט און שעפּטשעט עפּעס — — —

האָט זאַנוויל אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ בורטשע געטאָן „פּשאַ יוכאַ" גלאַט אין דער וועלט אַריין און האַסטיק גענומען שפּאַנען, האַלטנדיק די הענט אין די הויזן־קעשענעס, איבער דער שטוב.

ער איז זיך עטלעכע מאָל דורך די שטוב, זיך אויסגעצויגן אויף דער שלאָף־באַנק, פאַרלייגט די הענט צוקאָפּנס, אויסגעשפּיגן און זיך פאַרטראַכט



די בלאַסע רחל מיט די שוואַרצע אויגן, מיט די לאַנגע שוואַרצע האָר ביז איבער די קניען זיצט איצט מיט איר אַלטן פאָטער אין דער שטרויענער בודע, וואָס געפינט זיך אין מיטן פעלד.

אַ גאַנצע וואָך איז רחל כמעט אַליין אין פעלד, היט די גערטנער, גיט אַכטונג אויף די שיקסעס, וואָס אַרבעטן דאָרט און שיקט אָפּ דאָס גרינס נאָך פּרייסן, ווו איר פאָטער פאַרקויפט עס. אויף שבת קומט ער אַהיים און דעמאָלט נעכטיקט רחל מיט אים אין דער בודע.

שבת קומט זאַנוויל נישט אין גאָרטן אַריין. רחל האָט אים אָנגעזאָגט נישט צו קומען, דען דער פאָטער וועט האָבן גרויס עגמת נפש זעענדיק, אַז זיין טאָכטער חברט זיך מיט בחורים.

אין מיטן דער וואָך, שפּעט ביי נאַכט, גנבעט זיך זאַנוויל דורך פאַרשיידענע וועגן, מענטשן זאָלן אים נישט זען, און שפּאַנט אין גאָרטן אַריין. דאָרט וואַרט אויף אים רחל. ער לייגט זיך ביי אירע פיס, ווי אַ געטרייער הונט, קוקט אין אירע שוואַרצע אויגן, רירט לייכט אָן איר קלייד זי זאָל נישט שפּירן און הערט זיך צו ווי זי דערציילט אים מעשיות.

זאַנוויל רעדט מיט קיינעם נישט וועגן רחלען און קיינער ווייסט נישט, אַז ער קען זי.

אָט איצט ליגנדיק אַזוי אַליין, פילט זאַנוויל אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך רחלען. דאָס האַרץ פאַרקלעמט אים און ער פילט ווי זיינע אויגן ווערן אים פייכט. ער באַשליסט פון מאָרגן אָן צו ווערן אויס גנב, נישט גריסן זיך צו זיינע באַקאַנטע און אין אַ קורצער צייט אַרום וועט די שטאָט וויסן, אַז זאַנוויל איז געוואָרן אַן ערלעכער ייד. דעמאָלט וועט ער קומען צו רחלס פאָטער און זאָגן:

— ר' נתן!

דער אַלטער וועט אים געבן אַ ברייטן שלום־עליכם, אים אַ קלאַפּ טאָן אין דער פּלייצע:

— יאָ, מיין זון, כ'ווייס אַלץ... זעץ זיך!

זאַנוויל דערמאָנט זיך אָבער, ווי ער פילט זיך דערשלאָגן, ווען ער טרעפט ר' נתן אַ שבת אין דער פרי. אים דאַכט זיך, אַז ר' נתן ווייסט אַלץ, קוקט אים נאָך מיט פאַראַכטונג און קלערט זיך געוויס:

אָט דער יינגאַטש, דער פערד-גנב האָט דאָס די העזה זיך צו שדכנען צו מיין טאָכטער...

רחל פרעגט אים קיינמאָל נישט פון וואָס ער לעבט. זי ווייסט געוויס, אַז ער איז אַ פערד-גנב. נאָר זי וויל אים נישט ערגערן — האָט זאַנוול זיך גענומען טרייסטן — און די בענקשאַפט צו זען רחלען איז אין אים געוואָרן נאָך גרעסער.

פיל מאָל האָט זיך אים געדאַכט, רחל ווייסט נישט, אַז ער איז אַ פערד-גנב. אַנדערש וואָלט זי מיט אים נישט גערעדט. און ער באַשטימט איר אַלץ צו דערציילן. ווען ער טרעפט זיך אָבער מיט איר, פאַרשווינדט ביי אים דער געדאַנק און ער ווערט אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין אַ הונט, וועלכער ליגט און קוקט דעם בעל-הבית אין די אויגן.

אין גאַנצן עטלעכע וואָכן ווי ער האָט זיך באַקענט מיט רחלען. גייענדיק ערב שבועות מיטן טראַקט אַהיים פון אַ נאָענטן דאָרף, האָט ער דערהערט, קומענדיק אונטערן שטאָט, אַ געשריי. אויף דער צווייטער זייט פעלד זיינען געלאָפן צוויי שקצים מיט פולע זעק און אַ באָרוועס מיידל איז זיי נאָכגעלאָפן און געשריגן. זאַנוול האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג. די שקצים האָבן די זעק אַוועקגעוואָרפן. ער האָט איר צוגעטראָגן די זעק. רחל איז געשטאַנען האַלב-דערשראָקן מיט ברייט צעעפנטע אויגן און געשמייכלט. זי האָט אים געדאַנקט און עפּעס אַזוי בעקוקט אויף אים, אַז ער איז פון איר ערשטן בליק אַ פאַרציטערטער געוואָרן. פון דעמאָלט אָן האָט עס אים גענומען ציען אין פעלד אַריין. ער האָט זיך מיט רחלען גענומען טרעפן אָפטער און אָפטער — — —

זאַנוול איז אַראָפּ פון דער שלאָף-באַנק, גענומען שפּאַנען איבערן חדר און געפּלאַנט אַזוי:

אין דעם פּוילישן קלויסטער — דערציילט מען — איז דאָ אַ גאָלדענע „מאַמע" מיט בריליאַנטענע אויגן, איז זי ווערט אין די הונדערטער-טויזנטער אַריין. ער וועט דאָרט אַריין און די הייליקע „מאַמע" אַרויסנעמען. פאַר דעם געלט וועט ער קויפן „דאָנסקי" פערד מיט לאַנגע עקן, אַלערליי געווער. ער וועט צונויפנעמען אַ באַנדע לייטישע יינגען און אַוועקלאָזן זיך מיט זיי אין די „ראַדזוינאָווער" וועלדער אַריין.

זיי וועלן זיך אויסבויען אַ הייל צווישן דעמבעס און דאָרט



וועלן זיי וווינען. די הייל וועלן זיי בויען נישט ווייט פון דער „זשאָלדעוווקע", אַז אין צייט פון אַ געפאַר זאָלן זיי קענען אַריבערשווימען נאָך פּרייסן.

דאָרט וועלן זיי וווינען פריי, יעדע וואָך וועלן זיי אָנזאָטלען די דאָנסקי פערד, נעמען ביקסן און איבערפאַלן פּריצישע הויפן, אָפּשטעלן פּאַרטיעס סוחרים, וואָס פאָרן נאָך פּלאָצק, נאָך וואַרשע...

אין אַ קורצע צייט וועט זיך די גאַנצע געגנט פאַר זיי שרעקן. אָרעמע לייט וועלן זיי נישט טשעפּען און מיט דער צייט וועט מען צו זיי קומען מיט יעדן משפּט. ער, זאַנוול, וועט ווערן קיסר; די בלאַסע רחל מיט די שיינע שוואַרצע אויגן, מיט די שוואַרצע האָר ביז איבער די קניען וועט זיין זיין ווייב, זיין קייסערן! — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

---

## 3

שלמה איז אַריין אין שטאַל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעשאָטן די פערד אַן אָברעק. די פערד האָבן זיך צעהירזשעט, געביסן די קאָריטע און פאַר גרויס שמחה פאַרוואָרפן די הינטערשטע פיס.

— נאַ באָק, פרעסערס! — האָט שלמה אַ געשריי געטאָן און אויפגעלאָזט אַ פאַטש דעם שימל צווישן די לאָפּאַטקעס. דער שימל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער, און שלמה איז אַ צופרידענער אַריין צווישן די פערד.

— ערגעץ אַנדערש אַ פערד אַרבעט מיט די זייטן, ווערט אויסגעריסן פאַרן ביסל פאַשע, און דאָ? גאָרנישט! האַלט איך אַזעלכע צוויי קעסט-קינדער... הסידישע איידעמס... נו, נו, וואָס ברוגזטו זיך, וואָס? האָסט געקריגן אַ מתנת-יד? וועסט באַלד אין דער מאָרדע אויך קריגן, דו געשוואָלענער! און דו? — האָט זיך שלמה געווענדעט צו

דער קאָבילע, בשעת מעשה אָנגעכאַפּט איר לאַנגן עק, מיט וועלכן זי האָט זיך געפּאָכעט איבער די זייטן — וואַרט, וואַרט, מאָרגן, אם ירצה השם, פֿיר איך דיך אין הויף אַריין, דעם שענסטן אָגער קלויב איך דיר אויס, נאָר געדענק? — האָט שלמה געקלאַפּט דער קאָבילע איבערן שטערן — זע, אַז דער זשרעבאַק זאָל נישט זיין ערגער פֿאַרן טאַטע!

— די מכשפה מאָרדעוועט אייך, האַ? נו, זי וועט זיך שוין אַ וויסט יאָר אויסרעכטן, די „זמאָרע" מיין איך, זי וועט שוין פֿון זאַנוולס הענט קיין לעבעדיקע נישט אַרויס!

שלמה האָט אָנגעשניטן ווייסע מייערן אין רייפֿלעך, געגלעט דעם שימל איבער דעם גלאַטיקן האַלז, איבער דער מאָרדע:

— נאַ, פֿרעס, ווער צעזעצט!

דאָס פֿערד האָט אַרויסגעגעסן פֿון שלמהס האַנט, פֿון ליבשאַפֿט האָט דער שימל עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן מיט די פֿייכטע ליפּן, ווי מיט נאַסע שמאַטקעס, איבער שלמהס קאַרק און באַקן און זיך צעהירזשעט אים גלייך אין פּנים אַריין.

— אַ פֿערד בלייבט אַ פֿערד! — האָט שלמה אַ קלאַפּ געטאָן דעם שימל אין דער מאָרדע אַריין, זיך אָפּגעווישט מיטן שפּענצער דאָס באַשפּריצטע פּנים, אַ גלעט געטאָן דער קאָבילע איבערן רוקן און איז אַרויס פֿון שטאַל.

שלמה האָט זיך אויסגעצויגן אונטערן עפּל-בוים, וואָס איז געוואַקסן ביי זיין פֿענסטער.

— די זון זעצט זיך שוין — האָט שלמה אַ טראַכט געטאָן, זעענדיק ווי עס צינדן זיך פֿייערלעך אין די שויבן פֿון זיינע פֿענסטער, און ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק צו דער „רזשיקע", וואָס איז גערינען דורך גרינע פֿעלדער און ערגעץ זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער ווייסל.

אויף דעם ברעג פֿון דער „רזשיקע", איינגעהילט אין רויטן, זיינען געלעגן יונגע בעלי-עגלות, שינדערס און סתם יינגען. טייל זיינען געלעגן מיט די בייכער אַראָפּ, טייל מיט די פּנימער צום הימל, געזונגען חזנישע שטיק און געקוקט אין צעפֿלאַמטן הימל אַריין. אַרום זיי האָבן זיך געפּאַשעט געפּענטעטע פֿערד.

פֿון דער צווייטער זייט „רזשיקע" האָבן זיך געהויבן גאַנצע וואָלקנס שטויב — די בהמות האָבן זיך געשלעפּט אַהיים.



עפּלעכע־דינסט-מיידלעך, מיט קאָלירטע קוקאַרדעס אין די צאַפּ-גלאָזטע צעפּ, זיינען דורכגעגאַנגען. די יינגען זיינען געוואָרן לעבעדיקער, זיך צעזונגען העכער, געווונקען צו די מיידלעך. האָבן גענומען שטופּן איינע די צווייטע, פֿאַרשטעלט שעמעוודיק די מיילער מיט די הענט און גענומען שטיקן זיך פֿון געלעכטער.

נישט ווייט האָבן יינגלעך געשפּילט אין „פּאַלאַנט".

שלמה איז געלעגן, זיך געציפּט זיין שיטער בערדל און באַטראַכט אַלץ מיט פֿאַרגעניגן.

אַ מחנה ווילדע גענז זיינען אָנגעפֿלויגן מיט אַ געשי־דער. זיי זיינען געפֿלויגן זייער נידעריק. די ברייטע אויסגעשפּיצטע פֿליגל האָבן לייכט געשניטן די לופֿט, דאַכט זיך אָנגערירט די ערד. די גענז זיינען פֿאַרשוווּנדן צווישן די ברייטע פֿעלדער אין דער פֿאָרם פֿון אַ דרייעק.

— ביי נאַכט וועט געוויס רעגענען — האָט שלמה אַ טראַכט געטאָן און זיך צעגענעצט.

שלמה האָט באַמערקט ווי בערקע האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אָפּגעריייניקט זיין „סאַקל", זיך פֿאַרדרייט די וואָנסן און גענומען גיין צו אים. בערקע איז געווען צערודערט — ער האָט געהאַלטן אין איין אויפֿקנעפּלען און צוקנעפּלען דאָס סאַקל.

— גוט-שבת, ר' שלמה, וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער המימה?

— יאָ, אַ באַקעניש, — האָט שלמה געענטפֿערט — נו, וואָס מאַכסטו עפּעס בערקע? זעץ זיך!

ביי בערקען אין די אויגן האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכל. ער האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טאַשנטיכל, עס צעשפּרייט און זיך אַוועק-געזעצט.

— ר'ווייסט דאָך, ר' שלמה, כ'וואָלט געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדן — האָט בערקע געזאָגט אַ צעטראָגענער.

— ווייסן, ווייס איך נישט — האָט שלמה געענטפֿערט מיט אַ ניגון — נאָר, אַז דו ווילסט — רייד!

— שוין עטלעכע מאָל, ווי כ'האָב געוואָלט מיט אייך רעדן — האָט בערקע ווידער אָנגעהויבן און נישט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן זיינע

אויגן — ר׳ווייסט דאָך... גאַנצע טעג פאַריאָגט... כ׳האָב אייך געוואָלט בעטן... ר׳ווייסט דאָך...

— וואָס ? אַרויס מיט דער צונג ! — האָט זיך שלמה צעלאַכט.

בערקע איז רויט געוואָרן, געפינטלט מיט די אויגן און זיך גענומען אויסקנאַקן די פינגער.

— ר׳ שלמה, וואָס זאָל איך אַ סך בריי‏ען, ר׳ווייסט דאָך, כ׳בין נישט מער ווי אַ פּראָסטער חי וקים, אַ בעל־עגלה הייסט עס, כ׳וועל רעדן פּראָסט — אייער חנה געפעלט מיר זייער... אויב איר ווילט מיך פאַר אַ חתן, טאָ מאַכט מיר אַ געשפּאַן, קויפט מיר אַ פּאָר שקאַפּעס און כ׳וועל ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך. פאָרן צו דער „ראַמפּע“, אָנלאָדן אַ וואָגן סחורה און טראַסקען אין שטאָט אַריין ! כ׳בין דאָך נישט קיין פאַרפוילטער עפּל ! ר׳ווייסט דאָך, ר׳ שלמה, אַז כ׳בין אַ יינג אַן איינרייסער ! גענוג געאַרבעט פאַר פרעמדע, צייט צו מאַכן שבת פאַר זיך !

בערקע איז שטיל געוואָרן, זיך צעשמייכלט, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און געטראַכט בשעת מעשה :

— נו, געפּטרט, אַבי דורכגעקומען !

שלמה איז געזעסן און האָט זיך קאַלטבלוטיק אויסגעהערט וואָס בערקע האָט גערעדט. ס׳עסק איז אים געפעלן.

— בערקע — האָט שלמה אָנגעהויבן און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע אַריין — בנאמנות, כ׳האָב הנאה פון דיר ! קום היינט ביינאַכט צוגיין מיטן טאַטע, וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

בערקע האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעפּלאַמטער, גענומען די הענט „פּאָדבאָקעם“, צעשפּרייט די פיס און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי עפּעס אַ מין אָנגעגליטע, צעעפנטע צוואַנג. ער האָט צופרידן עפּעס אַ בורטשע געטאָן, זיך געזעגנט און איז אַוועק.

— ווען גאָט העלפט און ס׳מאַכט זיך נאָך עפּעס אַ שידוך פאַר שרהן אויך, וואָלט מען זיי ביידן געמעגט פירן אין איין טאָג אונטער דער חופּה — האָט שלמה אַריינגעשמייכלט אין זיין שיטער בערדל, זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ שטערן.

— נו, צייט מעריב צו דאַוונען !



ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געשלעפּט אַ צופרידענער אי׳ן שטוב אַריין.

---

בערקע האָט זיך פאַרדרייט אין אַ זייטיק געסל, פריי אָפּגעאָטעמט און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט געשפּירט ווי אַ שווערע משא איז אים איצט אַראָפּ פון האַרץ. שוין באַלד אַ חודש צייט, ווי חנה שיקט אים אַלץ צום פאָטער זיך דורכרעדן און יעדעס מאָל, ווען בערקע איז צוגעגאַנגען מיט אַן אויכגעחזרטע בקשה, האָט זיך אים די צונג, ווי אויף צו להכעיס, אַ דריי געטאָן און ער האָט גענומען דערציילן פון גאָר עפּעס אַנדערש. שפּעטער, אַוועקגייענדיק, פלעגט ער זיך אויסקנייפּן שטיקער פלייש, אַרומגיין שעהנווייז און האַלטן אין איין שעלטן. און ווער ווייס, ווי לאַנג עס וואָלט נאָך אַזוי אָנגעהאַלטן, ווען חנה וואָלט מיט אים נישט ברוגז געוואָרן ?

איצט האָט ער זיך געפילט אַזוי פריש, גלייך ער וואָלט יונגער געוואָרן. און דאָס גאַנצע עסק, צו וועלכן ער האָט זיך אַזוי געגרייט, און פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי געשראָקן, האָט אים ערשט אויסגעזען אַזוי לייכט — ממש אַ קינדער־שפּיל.

אָט איז ער שוין געווען אין מאַרק. דאָ און דאָרט האָבן זיך געעפנט שפּייז־קרעמלעך. די קרעמערקעס האַלב־שבתדיק אָנגעטאָן זיינען געזעסן ברחבותדיק און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס.

אויף די טראָטואַרן האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות שפּאַצירגדע. אַ שורה מיידלעך מיט פאַרריסענע קעפּ זיינען דורך. הינטער זיי זיינען געגאַנגען עטלעכע בחורים מיט איבערגעלייגטע קעלנער און זיך געוויצלט. די מיידלעך האָבן געשטופּט איינע די צווייטע, זיך געשטיקט פון געלעכטער.

פון דער פלאָצקער גאַס האָט זיך מיט אַמאָל אַריינגעשאָטן אין מאַרק אַריין אַ מחנה יינגלעך מיט הילצערנע שווערדן. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מיטן מאַרק און געוואַרט אויפן שונא — די יינגלעך פון דער וואַרשעווער גאַס.

און פון עפּעס אַן אָפן פענסטער האָט זיך געריסן אין מאַרק אַריין אַ לעבעדיקער, חסידישער המבדיל.

בערקע האָט אַלץ באַטראַכט מיט ליבע. ער איז יעצט געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז אַלע שפּאַצירנדע זאָלן וויסן, אַז ער ווערט אַ חתן פאַר חנהן. ער ווערט שלמהס איידעם, זאַנוולס שוואָגער! אַ קליייניקייט עפּעס, זאַנוול!? דער גבור פון שטעטל! ביי דער „ראַמפּע" וועט מען קוקן אויף אים מיט דרך ארץ, נישט וואַגן זיך צו טשעפּען מיט אים. און בערקע האָט דערפילט, ווי זיין ברייטע ברוסט הייבט זיך, ווערט ברייטער און ער האָט גרויס חשק געהאַט אויפצוהייבן די פּאָלעס פון סאַקל און זיך לאָזן אין מיטן מאַרק מיט אַ טענצל. פאַר גרויס שמחה האָט ער געכאַפּט אַ קליין ייִנגעלע מיט אַ הילצערנער שווערד, אים אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און גענומען מיט אים שפּאַנען. דאָס ייִנגל האָט זיך דערשראָקן, גענומען שרייען און געשליידערט מיט די פיסלעך. חברה האָבן גענומען אונטערטאַנצן פאַר פרייד, זיך קייקלען פון געלעכטער.

בערקע האָט אָפּגעלאָזט דאָס ייִנגל מיט אַ קניפּ אין בעקל און געשפּאַנט ווייטער.

פאַרבייגייענדיק דעם שטאָט-גאָרטן האָט ער באַמערקט דריי בעטלערס אויף אַ באַנק מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס.

— לאָזן זיי אויך וויסן, אַז כ'ווער אַ חתן פאַר חנהן — האָט בערקע אַ טראַכט געטאָן, צוגעגאַנגען צו די בעטלערס, זיי געגעבן עטלעכע קופּערנע מטבעות און זיך צעלאַכט:

— נאַ, בעט פאַר דער הייליקער חנה!

די בעטלערס האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעשמייכלט:

— „וואַריאַט זשיד".

---

ביי שלמהן אין שטוב האָט אַלץ אויסגעקוקט יום-טובדיק. די ווייסע פּאָדלאָגע איז געווען באַשאָטן מיט געלן זאַמד. דער קיילעכ-דיקער טיש איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, געדעקט מיט אַ ווייס



טישטוך. אויף דעם טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ מיט אַ זעכציקער גלעזל.

שלמה איז געלעגן אין קאַפּ אויף דער שלאָף-באַנק, גערויכערט אַ דיקן ציגאַר און מיט הנאה באַטראַכט די גרוילעכע קנוילן רויך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון מויל.

זאַנוול איז געזעסן לעבן פענסטער און געלערנט זיין שוואַרצע „מאָרווע" בלוזשען. דער הונט איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, עטוואָס פאַרזשמורעט זיינע מאַנדל-אויגן, געקוקט אויף זאַנוולען און געדרייט מיטן עק.

זאַנוול האָט געפילט אין דעם הונטס בליק אַן איבערגעבנהייט, געכאַפּט „מאָרוועס" קאָפּ אין זיינע הענט און אים געדריקט צום פּנים.

דער הונט האָט זיך געטוליעט צו זאַנוולען, געקלאַפּט מיטן עק, אים געלעקט, געוווּרטשעט פאַר שמחה.

ביים טיש איז געזעסן חנה אין אַ ראָזע בלוזקע און עפּעס אויסגעהאָפטן אויף קאַנווע. חנה האָט זיך יעדע ווײַלע פאַרטראַכט, אויפגעהערט העפטן און געפילט ווי די קאָלירן אין איר פּנים בייטן זיך. זי האָט געוווּסט, אַז בערקע דאַרף באַלד קומען און דער קלענסטער סקריפּ אין שטוב האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, געמאַכט דאָס האַרץ קלאַפּן נאָך שנעלער.

תרצה מיט שרהן זיינען געשטאַנען אין קיך און געמאַכט בלינזן.

— זאַנוול — האָט זיך שלמה געווענדעט צום זון — נו, ווי גע-פעלט דיר עפּעס דער שדוך? — דאַכט זיך אַ לייטישער ייִנג און דערצו אַ פאַרדינער, האַ?

זאַנוול האָט געזען, ווי חנהס פּנים ווערט פאַרפלאַמט און ווי זי בויגט זיך אינגאַנצן אַריין אין דער קאַנווע, זי זאָל זיך מיט קיינעמס בליק נישט באַגעגענען.

— אַלץ גוט — האָט זאַנוול געענטפערט — אָבער פאַרוואָס פרעגט איר נישט חנהן? טאָמער וויל זי אים נישט?

— כאַ, כאַ — האָט זיך שלמה צעלאַכט — זי וויל נישט? גלויב מיר, זי קען אים פריער ווי דו. נו, אויף טשיקאַוועס — חנה, דער שידוך געפעלט דיר?

חנה איז נאָך רויטער געוואָרן און האָט אַרויסגעבֿרומט פֿון דער קאַנווע:

— לאָזט מיך צורו!

זאַנוול האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט, צוגעגאַנגען צו חנהן און זי אָנגענומען פֿאַר דער גאָמבע:

— שעמסט זיך טאַקע, חנה? דו ווייסט, אַז מען שעמט זיך האָט מען קיינמאָל נישט חתונה? און דערצו קריגסטו דאָך אַזאַ לייטישן חתן, מיט אַ פּאָר פּלייצעס ווי בײַ אַ טשערקעס!

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך חנה צעבייזערט — מאַמע, לאָז ער מיך אָפּלאָזן!

— נו, זאַנוול, הער שוין אויף דיינע הינטישע שטיק! — איז תּרצה אַריין מיט אַ מענה־לשון פֿון קיך — וואָס ווילסטו פֿון איר? דו מיינסט ס'איז דיינע מיידן?! שלעפּן זיך אַרום אונטער די פּלויטן גאַנצע נעכט. אויף מיין וואָרט, ווי בערקע כאַפּט אַ גליק! יעדע מאַמע וואָלט זיך געוווּנטשן האָבן אַזאַ שטיל, רויק קינד.

— אַ שטיל וואַסערל גראָבט טיף! — האָט שׂרה אַריינגעשריגן פֿון קיך.

— אָבער וועמען האָט מען געכאַפּט מיטן פֿעלדשערס זון אויפֿן בית־עולם? — האָט חנה געענטפֿערט מיט אַ ניגון.

— כאַ, כאַ, כאַ — איז שׂרה אַריין פֿון קיך אַ צעפֿלאַמטע פֿון פֿייער, האַלטנדיק די הענט פֿאָדבאָקעם — ווער ס'קוקט נישט אָן די צנועה? דאָס קאָן דאָך קיין צוויי נישט ציילן! און פֿרעג זי נאָר...

— גענוג, גענוג — האָט שלמה אַ ברום געטאָן אויף שׂרהן—ווער שוין בעסער פֿאַרשטומט!

פֿון אונטערן פֿענסטער האָבן זיך געהערט טריט, באַלד נאָכדעם אַ מאָדנע תּקיעה פֿון אַ נאָז.

— די מחותּנים גייען! — האָט זאַנוול אויסגעשריגן, אַריינכאַפּנדיק דעם קאָפּ פֿון פֿענסטער.

חנהס פּנים האָט גענומען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פֿלאַמען, זי האָט געלאָזט ליגן די אַרבעט אויפֿן טיש און אַ דערשראָקענע גע־קוקט אין אַלע זייטן.

דער הונט, דערהערנדיק טריט, איז צו מיט אַ בילעריי צו דער טיר.



חנה, נישט וויסנדיק ווו זיך אַהינצוטאָן, איז צו אַ בלאַסע צום הונט, אים אָנגעכאַפּט פֿאַר די אויערן און מיט אים אַרויס דורך דער קיך.

די טיר האָט זיך געעפֿנט. משה „קאָפּ", אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ ציגן־בערדל, מיט אַ קליין קעפּל אויף דעם הויכן קערפּער, איז אַריין. דאָס קעפּל האָט זיך קוים אַרויסגעזען פֿון די הויכע אַקסלען און ווען נישט די פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָלט מען דאָס קעפּל גאָר נישט באַמערקט. נאָך אים איז אַריין בערקע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, די הענט אין די הויזן־קעשענעס און דאָס טוכענע היטל פֿאַרשאַרצט.

— גוט־וואָך! גוט־וואָך!

— ברוך הבא, ס'קאָצל קומט, וואָסערע געסט! — האָט שלמה מיט תּרצהן צוזאַמען געזאָגט — זייט זשע מוחל, זעצט אייך!

משה האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אָפּגעאָטעמט און גענומען ווישן דעם פֿאַרשוויצטן שטערן מיט אַ רויט נאָז־טיכל.

בערקע איז עפּעס ווי צעמישט געוואָרן, זיך פֿאַררויטלט, גענומען אַ שטול, זי באַטראַכט, געבליבן שטיין און גענומען מעלקן מיט צוויי פֿינגער אַ וואָנסע.

— נו, און דו, זאַנוול — האָט משה אָנגעהויבן — קיין עין־הרע אַ פֿאַרשוין אויסגעוואַקסן! — פּשש! — וואָס מאַכסטו?

— מען מאַכט מיט די זייטן! — האָט זאַנוול זיך צעשמייכלט.

— און ווו איז די כּלה? — האָט משה געפֿרעגט.

— די כּלה האָט זיך פֿאַרשעמט און איז אַנטלאָפֿן — האָט שלמה געענטפֿערט מיט אַ געלעכטער.

— ס'מאַכט נישט — האָט זיך משה אָנגערופֿן — אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך שעמען! כ'האָב מיין יידענע, עליה השלום, נישט געזען ביז צו דער חופּה און פֿונדעסטוועגן? הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער אַזאַ שלום־בית ווי בײַ מיר איז געווען.

תּרצה האָט דערלאַנגט שנאַפּס, טיי מיט ציטרין, פֿלינזן. דער עולם האָט געמאַכט עטלעכע כּוסות, געוואָרן אויפֿגערוימטער, זיך פֿאַנאַנדערגעזעצט.

— און די כּלה איז נאָך אַלץ נישטאָ? — האָט משה „קאָפּ" אַן אויפֿגערוימטער געזאָגט און אַריינגעצויגן אַ גלעזל בראָנפֿן.

— גלויבט מיר, ר׳ משה, אייער בערקע וועט זיך נישט נאַרן. ר׳ שמעיה זיער דין וואָלט זיך נישט געשעמט מיט אַזאַ טאָכטער.

— וואָס מיר שמעיה? — האָט זיך שלמה צעבייזערט — שלמהס טאָכטער איז אַזאַ יחסנטע ווי שמעיהס!

— געוויס, געוויס — האָט משה אונטער־געבורטשעט און בשעת מעשה אַריינגעפּאַקט אַ שטאַרקן שמעק טאַבעק. ער האָט זיך פאַר־קרימט ווי אויסצושיסן מיט אַ נאָס — נאָר גיי זיי אַ בריה, אַז עס ניסט זיך נישט.

— נו שלמה — האָט זיך משה אָנגערופן — ס׳ווערט דאָך שפּעט, לאָמיר שמועסן צו דער זאַך!

— פאַרוואָס דען נישט — האָט שלמה געענטפערט.

— און וואָס איז מכּה נדן?

— טאַטע, דאַכט זיך אָפּגערעדט מיט דיר זאָלסט זיך נישט מישן – איז בערקע אַריינגעפאַלן אין דער מיט – ר׳ שלמה וועט מיר קיין שלעכטס נישט טאָן!

— ווילסט נישט, ברויכט מען נישט — האָט משה געענטפערט — דו קאָנסט באַשטיין–קאָן איך אַודאי! כאַ, כאַ, כאַ! אַ גצלעכטער כ׳לעבן!

— כ׳האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז בערקע איז אַ ווילדער יינג — האָט שלמה מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן — נו, בערקע, וואָס טויגן די קונצן, דו שטייסט דאָך ווי אויף הייסע קוילן, דיך טיאָכקעט דאָך צו חנהן. גיי, זיי זשע מוחל אַרויס און זוך זי אויף. מיר וועלן שוין דאָ דורכקומען. כ׳ווייס דען נישט? כ׳בין דאַכט זיך אויך אַמאָל אַ חתן געווען! תּרצה, דו הערסט דאָך נישט, נו, זיי זיך מודה — האָסט עפּעס געבענקט נאָך מיר? האַ, האַ, האַ!

— גיי שוין, גיי, דו אַלטער נאַר! — האָט זיך תּרצה צעשמייכלט.

בערקע האָט געוואָרפן אַ בליק פול מיט דאַנקבאַרקייט אויף שלמהן און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

———

שפּעט ביינאַכט האָט שלמה מיט זאַנווילען באַגלייט דעם מחותּן מיטן חתן אַהיים. צוריקוועגס איז שלמה אַריין אין שטוב און זאַנוויל איז געגאַנגען אין שטאַל אַריין היטן די „זמאָרע“.



אין שטאַל איז געווען שטיל. די פערד זיינען געלעגן און גע־שלאָפן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן. אַ פאַרקאָפּטשעטע לאָמטערנע האָט קוים באַלויכטן די שטאַל, געוואָרפן אַ טונקעלן שיין אויף די פערד, און זייערע בייכער, ווי בלאָז־זעק, האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט.

עטוואָס אַ מידער האָט זיך זאַנוויל אַנידערגעזעצט אויף אַ בונד שטרוי און זיך פאַרטראַכט. צומיינסטן איז אים געלעגן אין קאָפּ משה דער מחותּן, עפּעס אַזאַ שוואַרצע הויך מיט אַזאַ קליין קעפּל, פונקט ווי מען שטעלט אַרויף אַ פייגעלע מיט צעשפּרייטע פליגל אויף אַ הויכן בוים אָן צווייגן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי און אים איז מיט אַ מאָל איינגעפאַלן, אַז דאָס איז ער אַ חתן געוואָרן, נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון די תּנאים... אָט זעט ער ווי רחל שלאָפט. די האָר צעשאָטן... אָט איז אליהו „ווילנער“ מיט די לאַנגע וואָנסן און אָט איז זיין קאָכאַנקע, קאָכאַנקע, קאָ־כאַנ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

האַלבע נאַכט. די טיר האָט זיך געעפנט, אַ נאַקעטע שיקסע אין אַ ווייס העמד איז אַריינגעקומען. אַרום האַלז זיינען געהאָנגען קאָלירטע סטענגעס, די האָר צעשאָטן. זי איז צו צום פערד, אויף גיך זיך אַרויפ־געכאַפּט און עס אָנגעהויבן יאָגן. ס׳פערד האָט געשפּרונגען. דאָס ווייסע העמד האָט זיך געהויבן, געבלאָזן ווי אַ קאַראַזשעלע און די קאָלירטע סטענגעס האָבן זיך געוואָרפן ווי שלאַנגען אַרום איר האַלז. מיט דער שנעלקייט פון אַ קונצנמאַכער האָט זי איינגעפלאָכטן סטענגעס אין דעם פערדס גזשיווע, אויסגעפלאָכטן צעפּלעך אין עק און זיך צעזינגען אויף אַזאַ קוויטשיק שיקסע־קול אָט יענע הייליקע ניגונים, וואָס מען זינגט ביי אַ פּראָצעסיע.

זאַנוויל איז געשטאַנען און געציטערט פון שרעק. ער האָט געזען ווי דאָס פערד שפּרינגט, וואַרפט זיך, די שוים פאַרן פּיסק. ער קוקט– די נקבה האָט זיך מיטן פּנים אויסגעדרייט צום פערדס עק און ווינקט צו אים, שמייכלט און אירע אויגן שטעכן אים דורך ביז צו דער זיבעטער ריפּ, ס׳בלוט פרירט אין די אָדערן. ער האָט געוואָלט שרייען — ער קאָן נישט; ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט — פאַרשטיינערט.

אָט איז זי אַראָפּ פון פערד, גענומען גיין צו אים. זאַנוויל האָט

אַ טראַכט געטאָן: נו, אַ בראָך שוין צו מיר. די בחורטע האָט מיך שוין אין אירע לאַפּקעס.

ער האָט זי געפילט לעבן זיך. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט. ער האָט פעסט איינגעקוועטשט דעם „קלין" אין דער האַנט, אים גענומען אַריינקלאַפּן דער „זמאָרע" אין העמד אַריין און... נישטאָ קיין „זמאָרע". ער ליגט אויף אַ בונט שטרוי אין שטאַל.

— אַ, וואָס אַ מכשפה קאָן! — האָט זאַנוול געטראַכט אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס — זי האָט דאָך מיך איינגעשלעפערט! גיי זיי אַ בריה!

---

4

זאַנוול איז געזעסן ביי רחלען אין דער בודע.

— זאַנוול, וואָס ביסטו אַזוי פאַרמרה־שחורהט? וואָס איז? גיי כ'האָב מורא פאַר דיר...

זאַנוול איז רויט געוואָרן און זיך צעשמייכלט:

— גאָרנישט, רחטשע!

— שעם זיך! קומט צו מיר אַזאַ אומעטיקער! דו! כ'האָב דיך פיינט! — און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און זיך אַרומגעוויקלט מיט אירע הענט אַרום זיין האַלז.

זאַנוול האָט זי אַרומגעכאַפּט.

רחל האָט זיך ווי אַ פיש גענומען וואַרפן און צאַפּלען אין זאַנוולס הענט און אַלץ טיפער זיך געגורקעוועט אין זיין ברוסט.

— האָב איך היינט געלייענט אַ מעשה, — האָט רחל צו אים שפעטער געזאָגט, קוקנדיק אויף זאַנוולען דורכן שפיגעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטריק, — איז זי שיין!

— נו, לאָמיר טאַקע הערן! — האָט זאַנוול מיט אַ שמייכל זיך געבעטן.



— ווייל איך נישט! כ'וועל שוין דיר גאָרנישט דערציילן, גאָרנישט, הערסט!

רחל האָט זיך אויסגעדרייט, אַריבערגעוואָרפן אַ האַלבן קאָפּ האָר איבערן פנים און געקוקט וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף זאַנוולען.

— וועסט שוין גאָ־ר דערציילן! — האָט זאַנוול זיך צעלאַכט.

— נישט ביי מאָ־אָטיען! — האָט רחל געענטפערט מיט אַ קאַפּריז פון אַ קליין מיידעלע און איז נענטער צו צו זאַנוולען — ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר ווערן ברוגז! גוט?

זאַנוול איז אויפגעשפרונגען אַ צערייצטער, געכאַפּט רחלען אויף די הענט און זי גענומען וויגן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, שעפּטשענדיק: וועסט דערציילן? וועסט...

— כ'וועל דערציילן, כ'וועל, זאַנוולשע קרוין, לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך רחל צעשריגן.

זאַנוול האָט זי אַראָפּגעלאָזן פון זיינע אָרעמס.

— ביסט אַ ווילדער! — האָט רחל געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בונד שטרוי, האָט אים געוויזן מיט דער האַנט אַ פּלאַץ נעבן זיך: — זעץ דיך!

זי האָט אַרויפגעלייגט זאַנוולס קאָפּ אויף איר שויס און גענומען דערציילן אַ מעשה פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן פרינץ, וואָס איז געריטן וואַלד־איין, וואַלד־אויס, געזוכט זיין געליבטע... דער פרינץ האָט דערהערט פון דער ווייטנס אַ פרויען־שטימע, האָט אונטערגעשפּאָרעט זיין פערד און איז צוגעקומען:

— שיין מיידל, וואָס וויינסטו? — האָט זי דער פרינץ געפרעגט.

— ווי זאָל איך נישט וויינען, — האָט דאָס מיידל געענטפערט, — אַז כ'האָב מיין חתן פאַרלוירן...

— וויין נישט, שיין מיידל! איך בין דיין חתן! קום מיט מיר!

און ער האָט זי איינגעוויקלט אין זיין ווייסן פּלאַטש, אַרויפגעזעצט אויפן שוואַרצן פערד און פאַרשוווּנדן וואַלד־איין, וואַלד־אויס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רחל איז אַנטשווינגן געוואָרן.

זאַנוול איז געלעגן אַ צעטראָגענער. ער האָט געפילט, אַז אַלץ ביי אים הויבט זיך, שפּאַרט זיך אין האַלז אַריין. ווערגט אים — —

— רחל ווייסט נישט, אַז ער איז אַ גנב, — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן. — ער מוז איר באַלד זאָגן!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטן און זיך אויפגעשטעלט:

— רחל! — האָט זאַנוול געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול, — דו ווייסט, אַז איך בין אַ גנב, אַ פערד־גנב!?

— דו ביסט דאָך אַ שטאַרקער! — האָט רחל אויסגעשריגן, זיך טוליענדיק צו אים אַ דערשראָקענע. — מען דערציילט, אַז דו לייגסט אַוועק אַ דריי־יעריקן אָקס מיט איין קלאַפּ צווישן די הערנער! דו ביסט נישט קיין גנב! אַ גנב דערקען איך באַלד. ער האָט אַזעלכע קאַלטע, שאַרפע אויגן. און דו האָסט דאָך אַזעלכע גוטע אויגן!.. —

און זי האָט זיך גענומען בעטן: — נעם מיך נאָך אַמאָל אויף דער האַנט. וויג מיך... אָט אַזוי! שטאַרקער! שטאַרקער!..

זאַנוול האָט זיך אין אַלעם פאַרגעסן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט רחלען אויף זיינע הענט, זי געוויגט. און רחל האָט זיך געטוליעט אַלץ שטאַרקער צו אים, געזוכט אַ פּלאַץ ווו זי זאָל קאָנען מיט לייב און לעבן אַריין אין זאַנוולען.

שפּעט ביי נאַכט האָט זאַנוול רחלען אַהיימגעפירט. ער האָט איר געוואָלט דערציילן וועגן זיינע פּלענער, נישט געפונען קיין ווערטער און געבליבן שטיל.

— פאַר וואָס דערציילסטו מיר גאָר נישט? — האָט רחל אים ברוגזלעך געפרעגט.

— גלויב מיר, רחל, כ׳וואָלט דיר אַלץ דערציילט! אַז כ׳בין אַליין און קלער, קומט אַלץ אויס אַזוי שיין, פּונקט ווי דו דערציילסט! און אַז כ׳וויל דיר איבערדערציילן, קלעפּט זיך די צונג צום גומען.

רחל האָט פעסטער געדריקט זיין האַנט און געשמייכלט.

— אָט מאָרגן, — האָט זאַנוול אָנגעהויבן, — גיי איך אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט, וואָס וועט מיר ברענגען עטלעכע הונדערט רובל.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אָט דו ווייסט דאָך, אַז צייט ס׳האָט אויסגעבראָכן די יאַפּאַנישע מלחמה האָט מען פאַרמאַכט דעם צאָלאַנד. „פּאַניע" לאָזט נישט



אַריינפירן נאָך פרייסן קיין פערד. ער שרעקט זיך אַפּנים עס זאָל אים נישט אויספעלן. נעכטן קומט צו מיר משה „קוניאַרזש" און שלאָגט מיר אָן כ׳זאָל „אַריבערשוואַרצן" אַ פּאַרטיע פון פופציק פערד איבער דער גרענעץ.

— און האָסט גאָר נישט מורא? מען קאָן דאָך שיסן?

— ווער קלערט וועגן שיסן, מען שיסט נישט! און אַז ס׳מאַכט זיך שלעכט, שיסט מען צוריק!

— און וועגן רחלען טראַכסטו גאָרנישט?

זאַנוול איז צעמישט געוואָרן, געוואָלט עפּעס זאָגן, זיך פאַרראַטלט און זי גענומען קושן.

רחל איז געגאַנגען אַ גליקלעכע און געגלעט זאַנוולס האַנט.

אונטערן שטאָט זיינען זיי זיך צעגאַנגען אין פאַרשיידענע זייטן, אַז מענטשן זאָלן זיי נישט באַגעגענען.

---

5

פרימאָרגן.

תּרצה האָט אָפּגעקאָכט אַ שטשאַוו, אָנגעשלאָגן מיט אייער, אָפּגעזאָטן אַ טאָפּ קאַרטאָפל, צעשטעלט אויפן טיש אָפּצוקילן, האָט זיך אַביסל צוגעזעצט און זיך פאַרטראַכט:

— שלמה דאַרף באַלד אַריין פון דאַווענען, און דאַכט זיך ס׳איז שוין צייט זאַנוולען צו וועקן. גאַנצע נעכט שלעפּט זיך דאָס אַרום! ווו? — דער שוואַרץ יאָר ווייס!

תּרצה האָט באַטראַכט זאַנוולען, וועלכער איז געשלאָפן לעבן דער טיר, מיט דער קוטשמע האָר צעוואָרפן איבערן ווייסן שטערן.

— קיין עין־הרע, אויסגעהאָדעוועט אַ יינג! דאָס קאָן דאָך מויערן ברעכן! אַן אַנדער מאַמע וואָלט דאָך פון אַזאַ זון געשעפּט נחת! און איך? — הייבט, די שעה זאָל נישט באַשעהען, און מען כאַפּט

אים... — האָט תּרצה אָפּגעזיפצט — אַ קליינינקייט, פּופּציק פערד אַריבערפירן איבער דער גרענעץ! און ווער איז שולדיק, אַז נישט דער שיינער טאַטע? כ׳האָב קנאַפּ געוואַלדעוועט, געשריגן: „שלמה, גענוג איין פערד־הענדלער אין דער משפּחה! גיב דעם יינגל פאַר אַ בעל־מלאכה". נו, מער האָט מיר נישט געפעלט! ער האָט דאָס מיך אָפּגע־מאָסן מיט זיין גנביש אויג און מיר געמאַכט אַ מי־שברך, אַז דער מאַמעס מילך איז מיר צו חלום געקומען!

תּרצה האָט אַריינגעשנייצט אין פאַרטוך און ווייטער געטראַכט:

— כ׳האָב קיינמאָל קיין נחת נישט געהאַט פון מיינע קינדער. פון צוועלף געבליבן דריי. זאַנוול איז פון תּמיד אָן געווען אַ מזיק. קינדער פלעגן זיך נישט ווערן שפּילן מיט אים—ער פלעגט זיי שלאָגן מכּות־רצח, דעם רבין אויסגעשעדיקט. די שכנות האָבן באַלד געזאָגט, אַז קיין גוטס וועט פון אים נישט אַרויס. מאָל דיר, אַ קינד ווערט געבוירן מיט אַ הייבל און מיט אַ ווילדן קוויטש! ווו איז דאָס גע־הערט געוואָרן? און קנאַפּ פאַרשוואַרצט מיר שרה דעם קאָפּ? טליקעט זיך אַרום... און יעדן כאָג הענגט אויף דער שול אַ נייער פּאַסקוויל אַוודאַי וואָלט מען זי געמעגט חתונה מאַכן פריער נאָך פאַר חנהן, כאָטש זי איז יינגער... הלוואַי זאָל איך, רבונו־של־עולם, האָבן נחת פון חנהן... קריגט, דאַכט זיך, אַ לייטישן יינג...

זאַנוול האָט זיך איבערגעטרייסלט, געעפנט ברייט זיינע בלויע אויגן, פאַרלייגט זיינע הענט אונטערן קאָפּ, זיך איבערגעצויגן און זיך פונאַנדערגעגענעצט:

— גרויסער טאָג!

ער איז גיך אויפגעשפּרונגען, זיך אַיינגעוואַשן, אָנגעטאָן זיינע ליאַקירטע שטיוול, פאַרקעמט זיך אַ „פּאָלקע", גענומען די הענט אַרום די זייטן, געכאַפּט אַ טענצל און זיך צעשריגן:

— מאַטקאָ, פּאָדאַוואַי!

— ביסט דאָך ערגער פון אַ גוי! — האָט תּרצה געזאָגט, — אַן ערל, אַז ער הייבט זיך אויף, איז דאָס ערשטע „פּאַטשערזש". און דו?

— נישט גערעדט, מאַמע! — האָט זאַנוול געענטפערט, אַרומגע־כאַפּט די באָרוועסע תּרצה און גענומען טאַנצן מיט איר איבערגעוואַלט.

— לאָז אָפּ, דו שייגעץ איינער! סם וועל איך דיר געבן!



זאַנוול האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, געמאַכט אַ שנאַפּס און זיך געזעצט איבער אַ שיסל שטשאַוו מיט קאַרטאָפל.

שלמה איז אַריינגעקומען מיטן טלית־זאַק אונטער דעם אָרעם, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר תּרצה האָט אים איבערגעהאַקט די רייד:

— טאַטע פאָטער! אַ שיינעם תּכלית האָסטו געמאַכט פון דיין גן־עדן־פירער! אויף מיינע שונאימס קעפּ געזאָגט! אַ יינג הויבט זיך אויף ווי אַ בהמה, זאָגט קיין יידיש וואָרט נישט און כמאַליעט אַריין אַ שיסל קאַרטאָפל מיט שטשאַוו! האָסט נישט געפּאָלגט, שלמה, טאָ נאַ!

שלמה האָט פאַרקוועטשט די ליפּן און געוואָרן בלאַס ווי קרייד:

— ווער שוין פאַרשטומט, דו אַלטער קאָן־לעפל! ווער פרעגט דיך?

זאַנוול האָט געקייט און געשמייכלט:

— אַ גנב דאַרף נישט דאַוונען!

שלמה האָט נישט געענטפערט. ער איז געגאַנגען אויף און אָפּ איבער דער שטוב. ער האָט געפילט, אַז תּרצה איז גערעכט, נאָר צוגעבן האָט ער נישט געוואָלט. שלמה האָט זאַנוולען זייער ליב געהאַט און פיל זאַכן מוחל געווען.

— ער וועט עלטער ווערן, — האָט שלמה זיך געטראַכט, — וועט ער אַנדערש ווערן. שלמה איז אין דער יוגנט אויך נישט בעסער געווען. דערפאַר איז זאַנוול אַ גבור און דערצו אַ ריזיקאַנט; צוויי זאַכן, וועלכע אַ פערד־גנב דאַרף באַזיצן און פאַר וועלכע פערד־גנבים האָבן גרויס דרך־ארץ.

שלמה האָט געוווּסט, אַז צייט זאַנוול איז אַריין אין „געשעפט", קוקט מען אויף אים אינגאַנצן אַנדערש.

— כ׳האָב זיך היינט געזען מיט משה „קוניאַרזש", — האָט שלמה איבערגעריסן די שטילקייט.

— נו?

— ער וועט באַלד זיין. ווי איך פאַרשטיי פון זיינע רייד, וויל ער אָפּרייסן אַ פּאָר רובל. ער טענהט, אַז ער קאָן קריגן ביליקער.

— ביליקער? אַ רוח אין זיין גראָבן „קאָלדן" אַריין! הערסטו טאַטע, אַז ס׳וועט פעלן אַ גראָשן, ריר איך זיך נישט פון אָרט! אַזאַ כיטרער „פּוענץ"! כ׳וועל אים נאָך אַמאָל דעם „קאָלדן" איינפּרעסן!

— נו, גענוג, גענוג! הער אויף צו שרייען, ער גייט! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן און געגאַנגען צו דער טיר.

אַ דיקער הויכער ייד אין אַ ריפּסענעם כאַלאַט איז אַריינגעקומען.

— גוט-מאָרגן!

— גוט-יאָר, ר׳ משה! — האָט שלמה געענטפערט און אים גע-שטעלט אַ שטול, — זעצט זיך!

משה האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעזעצט מיט אַ קרעכץ, אָפּגע-פּראַכט, אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרן און מכבד געווען דעם עולם.

— נו, זאַנוול, — האָט משה אָפּגעהוסט, — ביסט גרייט צו פאָרן היינט ביינאַכט?

— אויב מיר וועלן נאָר דורכקומען, — האָט זאַנוול געענטפערט — בין איך צו יעדער צייט גרייט.

— וואָס הייסט? דאַכט זיך, כ׳בין שוין דורכגעקומען מיטן טאַטן.

— וואָס טויגן די אַלע דבורים, ר׳ משה? אויב איך וועל נישט זען צוויי הונדערט קערבלעך אויפן טיש, ריר איך זיך נישט פון אָרט? איר טענהט, איר קאָנט קריגן ביליקער? מיטן בעסטן פאַרגעניגן! כ׳האָב צו אייך גאָרנישט!

— עה, זאַנוול, האָסט דאָך עפּעס צופיל פּעפער אין דער נאָז! אַפּנים, די געשעפטן גייען דיר צו גוט, אַז דו וואַרפסט זיך אַזוי מיט הונדערט און פופציק רובל? זע, ס׳מוז דאָך אַלץ זיין מיט אַ שכל! די גאַנצע חתונה וועט נעמען קנאַפּער פאַר אַ שטונדע, און פאַר אַ שטונדע הונדערט און פופציק רובל איז, דאַכט זיך, גאַנץ שיין! ראָטשילד אַליין וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט! גיי שוין, גיי, זאַנוול, מאַך זיך נישט נאַריש! זעסט, ווען כ׳וואָלט געווען זיכער, אַז די פערד זאָלן דורכגיין, — נו, איז נאָך אַ פופציקער! אָבער, גזלן, וואָס טו איך, די שעה זאָל נישט באַשעהען, און מען נעמט איבער אַלע פערד? האַ? ווילסט זיין אַ שותף צום שאָדן? שווייגסט? דאָס איז נישט מעשה סוחר, זאַנוול!

זאַנוול איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענער און האָט גאָרנישט גע-ענטפערט. ער האָט געוווּסט, אַז משה וועט אים פאַררייידן. דאָס איז אַ כיטרער פוקס. כמעט אַלע פערד זיינען מיינע. משה האָט זיי אָנגע-קריגן בחצי-חנם. און יעצט וויל ער נאָך אָפּרייסן פופציק רובל? ניין!



זאַנוול האָט זיך אויפגעשטעלט:

— ר׳ משה, בחנם וואָס איר מאַכט קאַליע רייד, ס׳וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, ווייניקער ווי צוויי הונדערט רובל נעם איך נישט!

משה האָט געקוקט זאַנוולען אין די אויגן און געשמייכלט:

— עה, זאַנוול, גייסט דאָך גאָר עפּעס פון די כלים אַרויס!

— נו, שלמה, מיר וועלן שוין דורכקומען. ברענגט אַריין שנאַפּס.

תרצה האָט דערלאַנגט בראָנפן און עפּעס צו פאַרבייסן.

משה האָט אַרויסגענומען מיט אַ קרעכץ אַ דיקן טייסטער, אויסגעציילט צוויי הונדערט רובל און זיי געגעבן שלמהן.

מען האָט געטרונקען לחיים, זיך געווונטשן, אַז דער השם יתברך זאָל העלפן בשלום דורכצוקומען און מען איז זיך צעגאַנגען.

---

9

פאַרנאַכט איז זאַנוול רויק אַריין צו משה „קוניאַרזש" אין הויף, קלאַפּנדיק מיט זיין שפּיץ-רוט אין די לאַקירטע כאָליאַוועס.

די פערד זיינען שוין אַלע געווען אונטערן שטאָט אין וועלדל, נאָר זיין גניאַדער אָגער איז געשטאַנען אַ געזאָטלטער אין מיטן הויף און געפּאָכעט מיט זיין לאַנגן עק. דער פּיסק איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסע שוים. יעדע ווײַלע האָט דאָס פערד אַ וואָרף געטאָן זיין שטאָלצן קאָפּ מיט דער לאַנגער גזשיווע, געקלאַפּט מיט די פאָדערשטע קאָפּיטעס, אַז שטיקער ערד פלעגן זיך צעשיטן אין אַלע זייטן.

זאַנוול איז צו צום פערד מיט אַ מאָדנעם פייף און דאָס גע-נומען גלעטן איבערן גלאַנציקן האַלז. דאָס פערד האָט אַ פּנים פאַר-שטאַנען דעם פייף, האָט אים אָנגעקוקט מיטן רעכטן אויג און האָט זיך פאַנאַנדערגעהירזשעט.

ביי דעם אָפּענעם פענסטער איז געזעסן אַ בלאָנד מיידל. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בוך און מיט דער צווייטער האָט זי

לייכט געריבן קליינע שמעקעדיקע בלעטלעך פֿון אַ מירטאָ־בלום, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן פֿענסטער. דאָס איז געווען משהס ייִנגסטע טאָכטער. דאָס מיידל, דערזעענדיק זאַנוולען, האָט אויפֿגעהערט לעזן דעם בוך און גענומען קוקן אויף אים. זאַנוול האָט באַמערקט איר בליק, זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע און מעשה אַקטיאָר איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. דאָס מיידל האָט זיך פֿאַרשעמט, געלאָזט ליגן דעם בוך און אַוועק מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— אַ יחסנטע! — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן, — משהס טאָכטער! אַ כּפּרה מעג זי גיין מיט איר געשוואָלענעם טאַטן פֿאַר רחלס מינדסטן נאָגל!

באַלד איז משה אַרויסגעקומען, אים אַריינגערופֿן צו זיך, מכבד געווען מיט אַ גוט גלעזל וויין. זאַנוול האָט געשפּרייזט שטייף איבער די פּליושענע דיוואַנעס, אַרויסגערוקט זיך אַ פֿאַטער־שטול, פֿאַרלייגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר. עס האָט אים זייער הנאה געטאָן, וואָס משה לעקט און חנפֿהט אים.

זאַנוול האָט זיך געזעגנט מיט משהן, אַרויף אויפֿן פֿערד, זיך צעפּייפֿט אויף זיין שטייגער, גלעטנדיק דעם פֿערדס האַלז, און איז אַרויס דורך אַ הינטערשטן טויער. ער האָט איצט אינגאַנצן פֿאַרגעסן וועגן די פֿערד. ער האָט רחלען צוגעזאָגט דורכצורייטן דעם טראַקט לעבן די גערטנער. לאָז זי זען, ווי איר זאַנוול זעט אויס אויפֿן פֿערד. ער וועט זי אַרויפֿנעמען ווי יענער פּרינץ, גוט צוטוליען צו זיך און מיט איר אַוועקפֿאַטשן...

אויפֿן שאָסיי האָט זאַנוול אונטערגעשפּאָרעט זיין פֿערד. דאָס פֿערד האָט אַ צי געטאָן דעם פֿאָדערשטן טייל פֿון זיין קערפּער, זיך עטוואָס אויסגעצויגן און זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבערן שאָסיי לייכט ווי אַ פֿויגל.

רחל איז געשטאַנען לעבן טראַקט און געוואַרט אויף זאַנוולען.

זי האָט דערזען ווי אַ שיין צוגאָווע פֿערד טראָגט זיך אויפֿן שאָסיי, אַ הויכער רייטער זיצט גלייך ווי אַ ווירע — האָט זי אַ ציטער געטאָן — „זאַנוויל פֿאָרט!..”

זאַנוול איז צוגעריטן נאָענט צו רחלען. דאָס פֿערד האָט זיך גענומען דרייען אַרום און אַרום. רחל האָט עס אָנגעכאַפּט פֿאַרן צוים:



— ווי שיין דו ביסט, זאַנוול, אויפֿן פֿערד! ווען כ'וואָלט זיך נישט געשעמט, אַז אַ באַקאַנטער זאָל אונדז טרעפֿן, וואָלט איך אַרויף צו דיר. שפּרינג אַראָפּ, כ'וועל דיך אַ קוש טאָן, — האָט רחל געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זאַנוול האָט זיך פֿאַררויטלט, אַראָפּגעשפּרונגען און געהאַלזט רחלען.

דאָס פֿערד איז געבליבן שטיין, אויפֿגעשטעלט די אויערן, צעעפֿנט ברייטער זיין קלוג אויג און געקוקט אויף דעם פּאָרל.

— ביסט זיכער, אַז מען וועט דיך נישט כאַפּן, זאַנוול? און אַז יאָ? וואָס וועל איך טאָן? כ'וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זען? קיינמאָל?...

— מיך וועט קיינער נישט כאַפּן! שרעק זיך נישט, רחלשע! מאָרגן וועלן מיר זיך זען.

— נו, טאָ נעם מיך נאָך אַ מאָל אַרום! אַזוי! שטאַרקער!..

זאַנוול איז שוין געזעסן אויף דעם פֿערד, געקוקט מיט זיינע ליבע קינדישע אויגן אויף רחלען, געדריקט איר האַנט און געשמייכלט.

רחל האָט געגלעט זיין פֿערד, געהייסן אים פֿאָרן גיך, זייער גיך.

זאַנוול האָט זיך עטוואָס אויסגעבויגן, אונטערגעשפּאָרעט דאָס פֿערד. דאָס פֿערד האָט זיך מיט אַמאָל אַ צי געטאָן, געוואָרן לענגער און איבער דעם שאָסיי האָבן זיך גענומען הייבן וואָלקנס שטויב.

רחל איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט פֿאַרזונקען אין רעיונות און נאָכגעקוקט זאַנוולען.

---

## 8

אַז זזאַנוול איז צוגעקומען צום וועלדל, האָט ער פֿונדערווייטנס דערזען זיין פֿאָטער מיט צוויי ייִנגען. ער איז גיך אַראָפּ, גענומען בינדן די פֿערד: אַ פֿערדס פּיסק צום צווייטנס עק, און אַזוי איינס הינטערן אַנדערן; זיך נאָכדעם געזעגנט מיטן פֿאָטער און איז פֿאַמעלעך

אַרויסגעריטן דורך הינטערוועגלעך פון וועלדל. די צוויי ייִנגען זײַנען אים נאָכגעריטן.

דעם גאַנצן וועג האָט זאַנוול געוואָלט טראַכטן וועגן דער גרענעץ, נאָר יעדעס מאָל איז אים אין דערמיט אַריין רחל.

— און וואָס וועט טאַקע זײַן, אַז מען וועט אים היינט בײַנאַכט שיסן? — האָט זאַנוולען דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין מוח.

ער האָט זיך צעשמייכלט, אַרויסגענומען פון כאָליעווע אַ פלאַטשיק פלעשל שנאַפּס און מיט עטלעכע זופּ פאַרטריבן דעם געדאַנק.

אָט זײַנען זיי שוין געווען אויף דעם ברעג פון דער „זשאָלדעווקע“.

— האַלט! — האָט זאַנוול שטיל געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די פאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ וועלן מיר וואַרטן ביז ס׳וועט גוט פינסטער ווערן! איצט, חברה, נעמט די „בלאָז“ מיט בראָנפן און רײַבט איין די פערד די קעפּ, זיי זאָלן נישט הירזשען. אַלץ זאָל געטאָן ווערן שאַ־שטיל, נישט קיין איבעריקן פּיפּס, איר הערט?

די פערד זײַנען באַלד געוואָרן רויִקער, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַגען די געפאַר, זיך גענומען רוקן איינס צום צווייטן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און זײַנען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידטע. זאַנוול האָט באַטראַכט די צונויפגעדריקטע פאַרטיע מיט די אַראָפּגעלאָזטע דרעמלדיקע קעפּ און עפּעס אַ רחמנות־געפיל האָט אים אַרומגענומען.

אַרום איז געווען שטיל.

ווען־נישט־ווען האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל, מיטברענגענדיק דעם פייכטן, שאַרפן ריח פון יאַלאָוויץ און פאַרטיקע פלאָמבירן.

די „זשאָלדעווקע“ איז זיך גערונען רויִק, פאַמעלעך. ס׳האָבן זיך געהויבן קליינע דונקל־פיאָלעטענע וואַלן, איינגעשלונגען־איינע די צווייטע.

זאַנוול איז געלעגן אויף דעם בויך און געקוקט ווי עס וואַקסן פון וואַסער אַרויס דונקל־בלויע בערג, צעוואַקסן זיך אין הימל אַריין. אַ רויטלעכער פּאַס האָט זיי דורכגעשניטן און די בערג זײַנען געבליבן הענגען צווישן הימל און וואַסער.



זאַנוול האָט דערפילט ווי עפּעס צעגיסט זיך איבער אַלע זײַנע גלידער און ער איז געוואָרן לעבעדיקער, ווילדער, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די דונקל־פיאָלעטענע וואַלן רופן אים, און ער האָט גרויס חשק געהאַט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קליידער און כאַפּן אַ שווים.

— חברה, מיר וועלן גאָר כאַפּן אַ שווים! — האָט זאַנוול זיך געווענדעט צו די צוויי ייִנגען.

זיי האָבן אויפגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך איבערגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און געהייסן האָט עס: „אַז דער האָבער שטעכט, קריכט מען אויף גלייכע ווענט“.

זאַנוול האָט אַ שפּיי געטאָן גלייך אין וואַסער אַריין, אַ ברום געטאָן „פלאָקן־שיסערס!“ און גענומען שנעל אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער.

און דאָס שטילע וואַסער האָט מיט אַמאָל אַ קרעכץ געטאָן אונטער זאַנוולס קלאַפּטער. ער האָט דורכגעשניטן עטלעכע קרייזן און איז אַרויס.

— שוטים, וואָס ווייסט איר וואָס גוט איז! — האָט זיך זאַנוול געווענדעט צו די ייִנגען, אָנכאַפּנדיק זיך בײַ אַ דיקע צווייג פון אַן אַלטן בוים, וואָס איז געוואַקסן בײַם ברעג, און זיך גענומען ציען.

ס׳איז געוואָרן אַלץ פינסטערער און פינסטערער.

די פאַרטיע פערד איז געשטאַנען רויִק, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. מען האָט אָפּגעגאָסן די פערד מיט קאַלט וואַסער און זיי זײַנען לעבעדיקער געוואָרן.

די פאַרטיע האָט זיך שטיל גערירט פון אָרט.

שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די קאָפּיטעס. ווען־נישט־ווען האָט זיך צעהירזשעט אַ פערד.

פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ רויט פייערל. דאָס איז געווען די „קייט“: אַ הויכער ווייס־געפאַרבטער קלאָץ מיט שוואַרצע פּאַסן און מיט אַ לאַנגע קייט אַראָפּ.

זאַנוול האָט פאַרקערעוועט אין אַ זײַטיק וועגל, גענומען רייטן זייער פאַמעלעך. ער האָט געהאַלטן אין איין גלעטן זײַן אָגער און פון מאָל צו מאָל אים מכבד געווען מיט אַ קלעצל צוקער.

טריט — — —

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווײַלע. עס איז ווידער שטיל געוואָרן און מען האָט זיך גערירט פון אָרט.

זאַנוול האָט זיך ארומגעקוקט — נאָך אַ פּופּציק טריט און די פערד זיינען אין פּרייסן, מען האָט זיך ווידער פּאַרקערעוועט אין אַ קליין זאַמדיק וועגל און גענומען טרייבן די פערד דורך שטעכעדיקע אגרעס־קוסטן.

פון דערווייטנס זיינען אַנטקעגנגעקומען צוויי זעלנער.

זאַנוול האָט בשעת מעשה אַ ציטער געטאָן, נישט לאַנג געקלערט און געהייסן יאָגן די פערד וואָס כח נאָר. די פערד האָבן זיך צעטראָגן. די זעלנער האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן. די יינגען זיינען אַראָפּגעשפּרונגען און צוריקגעלאָפן.

זאַנוול איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט:

— הינטישע לעבערס! די כאָליערע וועט אייך שוין נעמען! — און איז אַנטקעגן געפאָרן די זעלנער.

די זעלנער האָבן אים אָפּגעשטעלט, גענומען אָפּבינדן די פערד. זאַנוול האָט גענומען טענהן מיט די זעלנער, זיי געוואָלט אונטערקויפן — ס'איז נישט געגאַנגען! אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין גאַנץ לייב. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און וואָס כח נאָר אונטערגעשפּאָרעט זיין אָגער.

דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַנידערגעשליידערט מיט די פאָדערשטע פיס איין זעלנער און זיך צעטראָגן ווי אַ פייל פון בויגן. די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעריסן און איז נאָך.

דער צווייטער זעלנער איז צעמישט געוואָרן, גענומען נאָכשיסן, געהרגעט עטלעכע פערד, נאָר זאַנוול איז שוין געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ און געוויזן די זעלנער אַ לאַנגע נאָז.

———————

אויף דער צווייטער זייט גרענעץ האָבן שוין צוויי דייטשן אים צוגעוואַרט. איינער האָט אַוועקגעפירט די פּאַרטיע פערד און דער צווייטער האָט זאַנוולען איינגעלאַדן אויף אַ קופל ביר.

נישט ווייט פון שענק, האָט זאַנוול באַמערקט אויף דעם גראָז,



קופּקעלעך מענטשן. דאָס זיינען געזעסן „מולכערס" — אָט יענע, וואָס פירן איבערגעניצטע קליידער דורך די גרענעץ. זיי האָבן אָפּגעוואַרט דעם בערלינער צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פונקט איינס ביינאַכט. מיט דעם צוג קומען אָן די סוחרים פון אַלטוואַרג, עפענען דאָ די סחורה און יעדערער פון די מולכערס טוט זיך אָן עטלעכע „שטיק" און פאָרט אַריין נאָך פּוילן.

עס איז געזעסן אַ קופּקעלע עלטערע יידן אין לאַנגע כאַלאַטן און זיך געשמועסט געלאַסן. זיי האָבן מקנא געווען „יעקע נאַר" (אַזוי האָבן זיי גערופן דעם דייטש), ווי ער לעבט זיך רויק. און צום מייסטן האָבן זיי מקנא געווען דעם שענקער, וואָס האָט געהאַלטן די שענק ביי דעם טראַקט און געלייזט בייטאָג און ביינאַכט.

דאָס זיינען געווען צום מיינסטן יורדים, שיינע חסידים, וועלכע האָבן שוין אַלץ פּרובירט, אַפילו מלמדות, נאָר עס איז נישט געגאַנגען, — האָבן זיי גענומען אריינפאָרן נאָך פּרייסן, אָנטאָן יעדערער צו עטלעכע רעק, צו עטלעכע פּאָר הויזן, דורכפירן די גרענעץ און זיך מאַטערן.

ביי אַ צווייטע קופּקע זיינען געזעסן ווייבער אין שייטלען און געהאַלטן אין איין באַרעדן אָט יענע מיידלעך, וואָס זיינען געזעסן אַ ביסל ווייטער אויסגעמישט מיט שיקסעס, שקצים און יינגען.

פון דעם פּלאַץ, ווו דאָס יונגוואַרג איז געזעסן, האָט זיך געטראָגן אַ הילכיק געלעכטער. די יינגען פּלענן אויסציען אַ מויד אָדער אַ שיקסע אויף דעם גראָז און זיך נעמען וועטן, אַז זי טראָגט אונטער דעם קלייד גאָר נישט, כדי זי זאָל קאָנען אַלץ מער אָנטאָן. די מויד איז דערווייל געלעגן און געמאַכט קולות, ביז אַ יידענע האָט שוין נישט געקאָנט צוהערן, איז זי צו און זיי גענומען זידלען. האָט מען אָפּגעלאָזט די מויד, און עפּעס אַ יינג אַ חצוף איז אויפגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט די יידענע און איר געוואָלט אַ קוש טאָן. די יידענע האָט גענומען שרייען און אַלע אַרום האָבן געפּלאַצט פון געלעכטער.

עס איז דורך אַ דייטש מיט אַ דיקן ציגאַר, זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווײַלע, אויסגעשפּיגן: „שמוציגע יודן!" און געגאַנגען ווייטער.

זאַנוול איז אַריין אין שענק, אויסגעטרונקען עטלעכע קופּל ביר, פאַררויכערט אַ ציגאַר, זיך געזעגנט מיט דעם דייטש און אַרויס.

די סוחרים מיט די קופּקעס סחורה זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען, האָבן עס צעלייגט אין מיטן פעלד. די מולכערס האָבן פון זיך אַלץ אַראָפּגעוואָרפן, געשטאַנען אין די העמדער, אין די גאַטקס; די ווייבער אָן די בלוזקעס און אין די האַלקעס, און זיך געשטופּט, געריסן צו די סוחרים, און ווער עס איז געווען שטאַרקער, האָט געכאַפּט מער. די ווייבער האָבן געשלאָגן די מיידן און די מיידן האָבן אַרונטערגעריסן די שייטלעך ביי די ווייבער. און אָט איז צו אַ האַלבנאַקעטער שייגעץ, שטיל אָפּגעבונדן דאָס בענדל פון דער האַלקע ביי אַ מיידל. דאָס מיידל האָט געטאָן אַ שטרעק אויס די האַנט, געוואָלט כאַפּן אַ לייבל – איז זי שטיין געבליבן אין אַ פּאָר קורצע לייוונטענע מייטקעס. די יינגען מיט די שקצים האָבן זי אַרומגערינגלט, געמאַכט אַ ראָד, זיך פאַנאַנדערגעטאַנצט און זי נישט געלאָזט אַרויס.

אָט האָט זיך דורכשפּאַצירט דער „יידישער" אָביעשטשיק מיט די ביקס אויף דעם אַקסל, זיך געוויצלט מיט די יידן, געגעבן זיי עצות.

באַלד איז אַרויס עפּעס אַ געזונטע מויד, גענומען דעם זעלנער אונטערן אָרעם און אַוועק מיט אים אין וועלדל.

זאַנוול איז געשטאַנען פון דער ווייטנס, זיך צו אַלעם צוגעקוקט. ער האָט אַ שפּיי געטאָן, אויסגעשריגן „שטינקערס" אין דער נאַכט אַריין, און פאַרשוואונדן אין אַ זייטיק געסל.

———

אַ פּאַרטיע קאָנטראַבאַנדיסטן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס איז זאַנוולען אַנטקעגן געקומען.

— אַי, זאַנוול! וואָס טוסטו דאָ? — האָט אַ געלער געזאָגט.

— כ'האָב געדאַרפט זען אַ דייטש! — האָט זאַנוול רויק געענטפערט און געוואָלט גיין ווייטער.

— דערצייל עס דער „באָבע יורע", זאַנוול. מיר ווייסן דאָך, — האָט זיך אַ קליינער, ברייטבייניקער יינג אַריינגעמישט.



— פּימפּערנאָטיער! ווער פרעגט דיך? ס'איז דיין באָבעס דאגה? די חברה האָבן זיך איבערגעקוקט.

— נו, טאַקע! — האָט זיך דער געלער געווענדעט צום קליינעם, — אַז אומעטום מוזט דו זיך אַריינמישן! ווען ער פאַרפאָרט דיר, וואָלט מיך עפּעס געהאַרט? אָסור! ווערסט זיך נאָך אַמאָל דערשפּילן! און דו, זאַנוול, וואָס רעגסטו זיך באַלד אַזוי אויף? לאָז דיר דאַכטן אַ הונט בילט! פיליכט וואָלסטו מיטגענומען אַ פּעקל זיידנס?

— געמאַכט! — האָט זאַנוול געענטפערט, — וויפל גיסטו?

— וואָס הייסט? קריגסט אַ צענערל!

— ניין, גוטער ברודער! — פופצן!

דער געלער איז געשטאַנען אַ ביסל, געטראַכט:

— ס'גייט!

די פּאַרטיע האָט זיך צעפּעשטעלט, דער געלער איז ערגעץ אַוועק, געזוימט זיך עטלעכע מינוט און געבראַכט אַ גרויסן פּאַק זיידנס. זאַנוול האָט אַרויפגעמאַכט די פּאַסקעס איבער זיינע אַקסלען, האָט דעם פּאַק לייכט אַריבערגעוואָרפן איבער די אָרעמס און גענומען שפּרייזן. נישט ווייט פון גרענעץ האָבן זיך די חברה צעטיילט אין צוויי פּאַרטיעס. דער געלער האָט געפירט. אַלע האָבן אויסגעטאָן די שטיוול, פאַרקאַטשעט די הויזן און זיך צעפּגעשטעלט. דער געלער איז אַליין אַוועק אין וועלדל געוואָר ווערן וואָס עס הערט זיך. ער איז באַלד געקומען צוריק מיט זעלנער, געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט און די פּאַרטיע איז אָן שטערונג דורך די גרענעץ. דורכן וואַלד האָט מען גענומען גיין איינציקווייז. דעם גאַנצן וועג האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט. ביי דעם קלענסטן שאָרך זיינען אַלע אַריין אין דער טיפער תבואה מיט די געפּעק, געלעגן אַ לענגערע ווײַלע ביז עס איז ווידער שטיל געוואָרן און געשפּרייזט ווייטער.

זאַנוול איז געגאַנגען אַ מידער. דער טאָג האָט אים עפּעס אויסגעמאַטערט און ער האָט געפילט ווי אַלע גלידער ברעכן אים. ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט קלערן וועגן רחלען, נאָר ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען.

אַרום דריי אַ זייגער ביינאַכט איז די חברה געקומען אין דעם לעצטן דאָרף, וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָט. זיי האָבן אַראָפּ-

גענומען די פּעק און זיך געזעצט רוען אין אַ טאָל אויף דער לאָנקע. מיט אַמאָל האָבן זיי דערהערט ווי אַ רייטער קומט אָן. די חברה האָבן געכאַפּט די פּעק און זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן. זאַנוול איז אַנטלאָפן אָן אַ היטל. ער איז געווען זייער אויפגערעגט, געשפּאַנט גיך, געפילט אַ שרעקלעכע מידקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי.

— מען יאָגט! — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן און געבליבן שטיין. ער האָט פאַר זיך דערזען דעם אַלטן בית-עולם. ער האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפן פּאַרקאַן, אַריבערגעשפּרונגען לייכט ווי אַ קאַץ און גענומען גיין צווישן די מצבות קאַלטבלוטיק, רויק... ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ הויך בערגל, אונטערגעלייגט דעם פּאַק, זיך אַנידערגעוואָרפן און איז פעסט אַנטשלאָפן געוואָרן...

---

## 9

צייט זאַנוול האָט זיך באַקענט מיט רחלען האָט ער גענומען אַלץ מער און מער אויסמיידן זיינע פריערדיקע חברים, זיך גענומען מיט זיי זעלטן טרעפן. עטלעכע וואָכן דורכאַנאַנד פלעגט ער נישט אַריינשמעקן אין שענק אַריין. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז געווען אין דער פרייער צייט, אַרויסצוגיין מיט „מאָרוועץ“ אויפן ברעג פון דער „רזשיקע“, זיך אויסציען אין דעם טיפן גראָז און טראַכטן. און מאָרוועץ פלעגט זיך אויסציען, אויפשטעלן זיינע אויערן, עפענען עטוואָס זיינע מאַנדל-אויגן און קוקן און בורטשען. און אַז זאַנוול איז געווען גוט אויפגעלייגט האָט ער זיך גענומען קאַטשען איבערן גראָז. מאָרוועץ פלעגט זיך אויפכאַפּן, זיך צוזעצן אויף די הינטערשטע פיס, אַ שפּרונג טאָן צו דעם בעל-הבית, אים אַרומכאַפּן מיט די לאַפּעס, לעקן, דרייען מיט דעם עק, און אַ געזונט, האַרציק געלעכטער האָט הילכיק אָפּגע-קלונגען איבער דער לאָנקע...

און אַז זאַנוול איז בייז געוואָרן אויף דעם הונט, האָט ער אים



געכאַפּט פאַר די אויערן און אַריינגעשליידערט אין דער „רזשיקע“. דער הונט איז אויסגעשווימען עטלעכע קרייזן, געקוקט מיט זיינע מאַנדל-אויגן אויף דעם בעל הבית און איז אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און איז צו צו זאַנוולען. זאַנוול האָט פון דערווייטנס געקוקט אויף דעם הונטס נאַסן קערפּער און הנאה געהאַט.

נאָר פון צייט צו צייט האָט זאַנוולען אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, נאָך דער שענק, און דעמאָלט האָט ער אין אַלעם פאַרגעסן. ער האָט דערפילט ווי עפּעס צעוואַקסט זיך ביי אים, די מוסקולן ווערן שטייפער, ציען זיך אָן, דאָס האַרץ שפּאַרט זיך פון קאַסטן אַרויס, און אין אַזעלכע מינוטן האָט ער אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און אַוועק אין דער שענק אַריין.

---

צומאָרגנס ווען זאַנוול איז אַהיימגעקומען פון פרייסן, האָט ער דערפילט אַ שרעקלעכע בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, עס האָט זיך אים געוואָלט דערציילן וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין דעם נעכטיקן טאָג און ער איז געווען זיכער, אַז נאָר זיי וועלן אים פאַרשטיין.

באַלד נאָכמיטאָג איז זאַנוול אַוועק אין שענק אַריין.

דורך דער גאַנצער לענג פון שענק, צו דער וואַנט צו, איז ווי אַלע מאָל געשטאַנען אַ צאָל-באַנק. אויף דער צאָל-באַנק האָבן זיך געפונען עטלעכע באַרלקעס בראָנפן, פעסלעך ביר. אויף אַ לאַנגער קופּערנער טאַץ מיט לעכלעך זיינען געשטאַנען גלעזלעך, קופּערנע קוואַטירלעך און קופּלעס. דער פּולאַפּ איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דיקן פירעקיקן קלאָץ, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעשניצט דאַטן, יאָרן און נעמען פון פאַרשיידענע גנבים. אונטער דער צאָל-באַנק איז געזעסן אַ הויכע דיקע יידענע — ברייבע קאָזאַק — און מיט הנאה זיך געבויערט די נאָז מיט אַ פינגער. ביי עטלעכע טישלעך זיינען געזעסן יינגען און געגעסן. ביי אַ ווינקל-טישל זיינען געזעסן דריי יינגען און געטרונקען. ביי איינעם פון זיי אויף דער שויס איז געזעסן אַ יונג געפּודערט מיידל און געריכערט אַ פּאַפּיראָס. די שענק האָט געשמעקט מיט געבראָטנס

— זעט נאָר, זעט! — האָט זיך ברײנע צעשריען — טפֿוי, טפֿוי! אַ שײנער מענטש! ס'פּאַסט דיר שױן גאָרנישט אַרײַנצוקומען אין שענק אַרײַן!?

פֿון אַלע טישלעך האָט זיך געהערט: זאַנוול! זאַנוול!

פֿון אַלע זײַטן האָט מען אים אַרומגערינגלט, אים געגעבן שלום, זיך געוויצלט.

זאַנוול האָט זיך אַ צופֿרידענער אַוועקגעזעצט מיט דער חבֿרה אַרום אַ גרויסן טיש.

— פּופּצן פֿלעשלעך לאַגער! — האָט זאַנוול אַ געשריי געטאָן. — נו, וואָס מאַכט איר עפּעס חבֿרה? בנאמנות, איך האָב זיך פֿאַרבענקט גאָך אײַך!

— אַז דו ביסט אַזאַ פֿריץ געוואָרן! מען זעט דיך נישט אויף דער ליכטיקער שײַן! וואָס טוסטו גאַנצע טעג? — האָט זיך „גראַדול", אַ הויכער, געשטופּלטער ייִנג, מיט צוויי שניט אין דער לינקער באַק, אָנגערופֿן.

— כ'ווייס? — האָט זאַנוול געענטפֿערט — מען פֿטרט די צײַט כ'ווייס אַלײן נישט מיט וואָס.

— אָ, דאָס איז אמת, ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט און אַ ווינק געטאָן צו דער חבֿרה - „נאַש בראַט" טאָר זיך נישט אַרײַנלאָזן אין צו ווײַטע דרכים מיט אַ מויד! דאָס איז אַ געשעפֿט פֿאַר יאָלדן! ס'געפֿעלט דיר אַ מויד, האָב חתונה, און אויב נישט - גיט מען איר אַ קוועטש און פּטור! גלויב מיר זאַנוול, מאַנקע הערט דאָך דאָס נישט — האָט גראַדול ווײַטער גערעדט און אַ גראָבן ווינק געטאָן מיט די אויגן — מען קאָן מיט איר לעבן אַ יאָר אָן אַ ווײַב.

חבֿרה האָבן זיך געשטיקט פֿון געלעכטער.

מאַנקע איז ברוגז געוואָרן:

— ווי לאַנג קרענקסטו, דו געשטופּלטער הונט, ווי כ'וועל שוין מיט דיר נישט רעדן!

— אָבער וועגן וואָס האָסטו זיך אַזוי צערעדט? — האָט זיך זאַנוול געפֿרעגט בײַ גראַדולן.

— איך וועל דיר זאָגן—האָט מיט אַ שמייכל אָנגעהויבן משהלע, אַ ייִנג ווי אַ ריז. — אַנומלט קומט דער „קעלביקער" און דערציילט,



אַז דו האָסט אים געשטערט. ער איז פֿאַרפֿאָרן שפּעט בײַ נאַכט מיט אַ פֿור און געוואָלט בײַ נתן דעם אָגראָדניק אַרויסנעמען עטלעכע קערץ מערן. ער גייט צו און בלײַבט אַ פֿאַרציטערטער: דו גייסט אַרום איבערן פֿעלד, האַלסט אַ מויד אויף דער האַנט און שלעפּסט זי אײַן ווי אַ פּיעסטענקע אַ קינד! ער איז שיער נישט צעזעצט געוואָרן פֿון געלעכטער, נאָר ער האָט מורא געהאַט און זיך אָפּגעטראָגן.

זאַנוול איז בלאַס געוואָרן און זיך צעשמייכלט.

— עפּעס אַ שײן מיידל? — האָט אים מאַנקע געפֿרעגט, צוקומענדיק צו אים — שענער פֿון מיר? זאַנוול, געדענקסט, אַמאָל בין איך געווען דײַנע. דו פֿלעגסט מיר קויפֿן לאַקירטע שיך! יאָ, יאָ...

זאַנוול האָט נישט געענטפֿערט, אַרומגענומען מאַנקען און צוויפּגעזעצט זי צו זיך אויף דער שויס.

חבֿרה האָבן צעעפֿנט די פֿלעשלעך, געטרונקען, דערציילט מעשׂיות.

גראַדול האָט זיך פֿאַרגנבֿעט אונטער מאַנקעס פּלײצע און איר אַרײַנגעגאָסן אַ ביסל ביר אין קאַרק אַרײַן.

מאַנקע האָט אַ צאַפּל געטאָן, גענומען זיך פּיעשטשען ווי אַ קלײן קינד, געסטראַשעט, אַז זי וועט דערציילן פֿאַר זײַן ווײַב.

— וואָס, דו האָסט שוין אַ ווײַב? וואָס איך הער? — האָט זין זאַנוול אַ פֿאַרוווּנדערטער געפֿרעגט.

— וואָ'ס דען, ברודער, אַ היגטיש לעבן דערעסט! אײַנבעטן זיך אַ קוש בײַ מאַנקען? דאָ קויף איר שיך, דאָ — אַ קאָרסעט, און אַז ס'קומט צו עפּעס וועט זי דיר ווײַזן אַ פֿייג! מכּות! האָב איך אַ ווײַבעלע, ברודער, אַ צאַצקע! פֿון וואַרשע קומט זי, אַ קלײנס, אַ שוואַרצס, ווי אַ מײַזל, און נעמט עס קושן איז... ווער איך פֿאַרכאַפּט, און קאָכן קאָכט זי, ברודער, אַן אַנטיק! און וואָס דאַרף איך נאָך?

— דאַכט זיך אַ גליקלעכער מענטש — האָט זיך מאַנקע געווענדעט צו זאַנוולען — און פֿונדעסטוועגן מאַכט ער מיר דעם טויט!

חבֿרה האָבן געשמייכלט.

גראַדול האָט אַ צי געטאָן מיט אײן זופּ אַ קופּל ביר און אַ קלאַפּ געטאָן זאַנוולען איבער דער פּלײצע:

— קום אַריבער, זאַנוול! „מײַנע" וויל זיך מיט דיר באַקענען.

— ווּ האָסטו זי גענומען ?

— ס'הייסט ווּ ? כ'בין געווען אויף פּראַגער יריד, נו, באַקען איך זיך מיט אַ מיידל, איז זי מיר געפעלן געוואָרן, האָט מען געשטעלט אַ חופה און פאַרטיק !

זאַנוול האָט באַשטעלט נאָך צען פלעשלעך.

אַ דאַרער יינג האָט אַרויסגעצויגן אַ האַרמאָניע, פאַרשאַרצט זיין קליין היטעלע, איינגעבויגן דעם קאָפּ און גענומען שפּילן אַ וואַלס.

מאַנקע איז אַראָפּ פון זאַנוולס שויס, מיט איין האַנט האָט זי צוגעהאַלטן איר קורץ קליידל און לייכט צוגעקלאַפּט צום טאַקט. פון אַ ווינקל האָט זיך באַלד באַוויזן אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע און גענומען טאַנצן. דער שייגעץ איז געווען האַלב שכור, מיט פאַרלאָפענע אויגן און צעשויבערטע האָר. ער האָט פעסט אַרומגענומען די שיקסע, זי עטוואָס אויפגעהויבן און זיך מיט איר גענומען אַרומדרייען, אַרויסלאָזנדיק כריפּענדע קולות.

מאַנקע האָט אָנגעכאַפּט זאַנוולען פאַר די הענט, אים אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט מיט אים איבער דער שענק. זאַנוול האָט מיט איר געטאַנצט. נאָר אין מיטן האָט ער חרטה געקריגן, זיך אויסגעדרייט, האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט די שענק און זיך געזעצט.

דער יינג האָט גענומען שפּילן אַ מאַזורקע.

מאַנקע האָט געכאַפּט גראַדולן, זיך גענומען מיט אים דרייען גיך, שטאַרקער. איר לייכט קליידל האָט זיך אויפגעבלאָזן ווי אַ קאַראַזעלע. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך געדאַרפט צוזעצן און אַ קלאַפּ טאָן מיט איר אָבצאַס, האָט זי אַ דריי געטאָן מיט דעם פוס, אַז דאָס קליידל איז זיך צעפלויגן און די פיס האָבן רייצנד אַפּערגעקוקט פון אונטער די געפּאַסטע זאָקן.

חברה האָבן געגאַפט.

דער יינג האָט אויפגעהערט שפּילן, אָפּגעווישט דעם שווייס, האָט דערזופט זיין קופל ביר און גענומען שפּילן פון „שמענדריק". אַלע האָבן מיטגעזונגען :

האָצמאַך איז אַ בלינדער,
ווּ זיינען זיינע קינדער ?



מאַנקע איז צו צו זאַנוולען, זיך געזעצט אויף זיין שויס און מיטגעזונגען. איר פנים האָט געפלאַמט, די נאָז-פליגל האָבן זיך געהויבן ווי ביי אַ יונגן זשרעבאַקל. זאַנוול האָט אויף איר געקוקט, הנאה געהאַט און זי שטאַרק אַרומגענומען.

די חברה האָבן זיך אַלץ העכער און העכער צעזונגען. נישט ווייט איז געלעגן דער שכורער שייגעץ און זיך געריסן אויף זיין הייזעריק קול. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מענטשן זיצן, האַלטן אייזערנע טעפּ און קראַצן מיט טעמפּע מעסערס.

מאַנקע האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפל אויף זאַנוולס ברוסט :

— זאַנוול, קום צו מיר היינט ביינאַכט ! וועסט קומען ? געדענקסט, פלעגסט זאָגן, אַז דו האָסט מיך ליב. גיי, ביסט אַ שלעכטער! דו האָסט שוין אַן אַנדער מיידל. זאַנוול, ווער איז שענער ? וואָר, מאַנקע ? כאַ, כאַ !

זאַנוול איז צעמישט געוואָרן, און געפילט, אַז ער ווערט בלאַס. ער האָט מאַנקען אויפגעהויבן אויף די הענט און זי אַוועקגעזעצט אויף אַ ליידיקן שטול. אים האָט זיך געדאַכט, אַז רחל שטייט אין ווינקל אַ בלאַסע, אַ פאַרוויינטע און קוקט אויף אים, קוקט ווי ער האַלט מאַנקען. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, זיך אויפגעשטעלט, געטאָן גראַדולן אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און אַרויס מיט אים אויף דער גאַס.

אַ לענגערע צייט איז זאַנוול געגאַנגען און געשוויגן. ער האָט זיך דערפילט עפּעס ווי דערשלאָגן. עס האָט אים זייער געקרענקט, וואָס די חברה ווייסן, אַז ער האָט אַ מיידל, און צומיינסטן האָט אים געאַרט, וואָס ער האָט געהאַלטן מאַנקען די גאַנצע צייט אויף דער שויס. עס האָט זיך אים איצט געוואָלט זיין איינער אַליין מיט מאָרוועןֿ, זיך אויסציען אונטערן עפּל-בוים, פאַרמאַכן די אויגן און רויק טראַכטן.

— וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פאַרחושט ? — האָט גראַדול אים געפרעגט.

— כ'ווייס... עפּעס פּאַסקודנע אין מויל, און דערצו טוט מיר דער קאָפּ וויי...

— עה, זאַנוול, ביסט דאָך ערגער פון אַ יידענע ! און אַז מען טרינקט שוין אויס אַ פינף פלעשלעך, טאָ וואָס ? זעסט, מיך הויבט

עס נישט אָן צו אַרן! איך גיי מיר און קלער פון מאַנקען. ווייסט, די מויד ווערט שענער פון טאָג צו טאָג! און זי קריגט דאָך די פגירה פאַר דיר!

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר, וואָס איז מיט דיר? האָסט דאָך ערשט חתונה געהאַט און קלערסט שיין וועגן מאַנקען?

— ביסט אַ יאָלד, זאַנוול! אַ ווייב איז אַ ווייב! כ׳האָב זי דאָך תמיד! און מאַנקע איז עפּעס אַנדערש! שרעק זיך נישט, ס׳וועט פאַרן ווייב אויך בלייבן, כ׳בין ברוך השם אַ געזונט יינגל!

זאַנוול האָט נישט געענטפערט. ער האָט געפילט ווי אַלץ אין אים נעמט זיך הויבן...

— אָט דאָ וווין איך — האָט זיך גראַדול אָנגערופן, ווייזנדיק אויף אַ קליין הייזל.

גראַדול האָט ברייט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט זאַנוולען.

—ביילע, אָט דאָס איז מיין חבר, זאַנוול, וועגן וועלכן כ׳האָב דיר דערציילט.

ביילע, אַ קליין שוואַרץ-חנעוודיק ווייבל אין אַ גאַבּערלע מיט טערקישע בלימלעך, מיט אַ לאַנגן צאָפּ אַראָפּ ווי ביי אַ יונג מיידל, איז רויט געוואָרן, אַ שמייכל געטאָן און זאַנוולען דערלאַנגט אַ קליין וואַרעם הענטל.

— נו, זאַנוול, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין ווייבל?-האָט גראַדול געזאָגט, אָנגענומען ביילען פון הינטן און זי אויסגעדרייט מיט דעם פנים צו זאַנוולען.

זאַנוול איז געוואָרן צעמישט, נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און זיך קינדיש צעשמייכלט.

— נו, ביילע, יעצט גיב עפּעס אין מויל אַריין! עפּעס גוטס, צוליב אונזער גאַסט!

— געוויס, געוויס! אַנטשולדיקט זאַנוול, כ׳קום באַלד אַריין! — האָט ביילע געזאָגט מיט אַ שמייכל און איז אַריינגעשפּרונגען אין צווייטן צימער.

— נו, זאַנוול, דעם אמת זאָג, זי געפעלט דיר? אַ שעלמאַ, האַ?



— מעגסטו זיך נישט באַגראָבן, זאָג? אַז מען האָט אַזאַ ווויל ווייבל, זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט מאַנקען. שעם זיך, דו „בעל-תכלית“ איינער!

— שריי נישט אַזוי, זי קאָן נאָך הערן — האָט זיך גראַדול אָפּגערופן, און זיין געשטופּלט פנים האָט געשיינט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ביילע אַריין אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ לייכט קלייד, אַ ווייס זיידענע בלוזקע מיט שוואַרצע פּאַסעקלעך. זי האָט געטראָגן אַ טעלער מיט אויבס, וויין, איינגעמאַכטס.

— וואָס זאָגסטו נישט ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט? פאַרן אייגענעם מאַן איז גאָרנישט, קומט נאָר אַ פרעמדער מאַנסביל, פּוצט מען זיך שוין!

ביילע האָט געקוקט אויף זאַנוולען און אַ פאַררויטלטע גע-שמייכלט.

— נעם עפּעס, זאַנוול! זיי ווי ביי זיך אינדערהיים! — האָט גראַדול געזאָגט אַ שיינענדיקער.

ביילע איז געזעסן, פאַרלייגט איין פוס אויף דעם צווייטן, און גערעדט, דערציילט מעשיות פון וואַרשע. און זי האָט גערעדט אַזוי גלאַטיק, אַזוי שיין! זאַנוול האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר, זיך צוגעהערט ווי זי דערציילט. איר שטימע האָט אים געקלונגען עפּעס אַזוי אָנגענעם. ווען זי האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט ער באַמערקט, אַז עס פעלט איר פון פאָרנט אַ קליין ציינדל און ער האָט אויסגעפונען, אַז אַזוי איז זי נאָך שענער, בחנעוודיקער... און זי האָט גערעדט מיט די „רייש“, געזאָגט „יאַך“, געשלונגען האַלבע ווערטער, געשמייכלט, און דאָס האָט זאַנוולען פאַרשכורט.

גראַדול האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע, געהערט ווי זיין ווייבל רעדט. ער האָט געטראַכט, אַז אויב זי זאָל זיך נאָר טויגן, קאָן זי ווערן די „מאַטקאַ“ פון אַלע גנבים, און דעמאָלט האָט ער אָפּגעזאָרגט. ער האָט פאַר גרויס שמחה עפּעס אונטערגעזונגען און איז אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן. באַלד האָט ער זיך געלאָזט הערן איבער דעם גאַנצן צימער. ער האָט פאַרריסן זיין פוס אין דער הויך ווי אַ קראָקווע און גענומען שנאָרכן.

ביילע און זאַנוול האָבן זיך צעלאַכט.

זאַנוול האָט געוואָלט עטלעכע מאָל אַוועקגיין, נאָר בײלע האָט אים אַלץ געבעטן ער זאָל נאָך בלייבן. זאַנוול איז אונטערגעזעסן אַ ביסל און ביים אַוועקגיין האָט אים בײלע לאַנג געדריקט די האַנט. זי האָט אים געקוקט מיט איר ליבלעכן שמייכל אין די אויגן און פאַרלאַנגט פון אים אַ באַשטימטן טאָג ווען ער וועט קומען.

אַז זאַנוול איז ארויס, האַט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט און אַ טראַכט געטאָן:

— אַ וויל ווייבל, אויף מיין וואָרט!

באַלד אָבער איז ער ווי צעמישט געוואָרן און אָפגעזיפצט, ווי אַ שווערע משא וואָלט זיך מיט אַ מאָל אַרויפגעלייגט אויף זיין האַרץ.

— „סאַכאַר מאָ=ראָ=אָזשני!" — האָט זיך צעזונגען אַ הויכער קאַ־צאַפּ אין אַ בלוי העמדל, סאַמע אונטער זאַנוולס נאָז, טראָגנדיק אַ באַרלקע אויפן קאָפּ.

— וועלכער שוואַרץ יאָר האָט געבראַכט דעם קאַצאַפּ אַהער? — האָט זאַנוול בייז אַרויסגערעדט.

משה „קוניאַרזש" האָט זיך געשלעפט איבער דער גאַס, געפּראַכט ווי אַ געפּאַשעטע גאַנז.

— ווי דאָס באַקט זיך! ווי דאָס שלעפט קים דעם קאָלדן! — האָט זאַנוול צו זיך גערעדט — ווען איך כאַפּ דעם בחור אין אַ ווינקל, וואָלט איך אים אָנגענומען פאַר די אויערן, צוגעזעצט מיין קני צו זיין פּעטן פּוענץ און אַ ביסל איינגעפּרעסט, דינער געמאַכט.

— אויף וואָס פאַר אַ וועלט ביסטו? — האָט זיך שלמה צעשריגן, זעענדיק ווי זיין זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער גאַס און גענומען רעדן צו זיך אַליין.

זאַנוול האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען דעם פאָטער און זיך צע־שמייכלט:

— אַ כאָליערע! די חברה האָבן מיך געכאַפּט, נו, האָט מען אַ ביסל אויסגעטרונקען!

— שפּאַרט מען זיך צו! מען וועט דאָך מיינען, אַז דו ביסט משוגע געוואָרן!

זאַנוול איז אַריין אין שטוב, אָנגעזאָגט מען זאָל אים אַרום אַכט אַ זייגער אויפוועקן, אַרויסגענומען אַ קישן מיט אַ קאָלדרע, מיטגענומען מאָרוועס און זיך אויסגעצויגן אונטערן עפּל=בוים. ער איז גיך איינגעשלאָפן. דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן צוקאָפּנס, אַרויס־געשטעקט די צונג און געדרעמלט.

---

## 10

דער טאָג, ווען רחל פלעגט זיך דאַרפן זען מיט זאַנוולען, האָט ביי איר אויסגעקוקט ווי אַ יאָר. זי האָט זיך תּמיד אויפגעכאַפּט מיט דעם געדאַנק, אַז היינט זעט זי זיך מיט אים. אירע אַלע באַוועגונגען זיינען יענעם טאָג אויסגעקומען געשיקטער, יעדע זאַך האָט זי געטאָן אין איילעניש, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט דעם טאָג וואָס גיכער דורכשטופּן. אין פעלד איז רחל אַרומגעלאָפן ווי אַ צעטראָגענע, גע־האַלטן אין איין איילן זיך, יאָגן די שיקסעס. זי האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרקליבן אין דער בודע, זיך צוגעשפּאַרט, באַלד זיך איבערגע־וואָרפן, צוריק אַרויס, און מיט אַ שעה פריער האָט זי יענעם טאָג אַהיימגעלאָזט די שיקסעס.

אַהיימקומענדיק, פלעגט רחל אַראָפּנעמען די מעשענע מידניצע און זי אָנגיסן מיט קאַלט וואַסער. אַרויסנעמען אַ שמעקעדיק שטיקל זייף און זיך איינוואַשן. מיט אַ ווילדער הנאה האָט זי זיך איינגעהערט, ווי די מידלינעס האָבן געקנאַקט, זיך געשפּאַרט דורך די צעזפּנטע פינגער. ווי די ווייסע מידלינעס צעלויפן זיך און מחנות רעגנבויגן־בלעזלעך באַווייזן זיך דאָ און דאָרט. זי האָט באַטראַכט אין שפּיגל איר ווייס לייב, ווי פריש דאָס איז, און עס גענומען איינרייבן מיט קאַלט וואַסער און זייף. דאָס לייב איז פון דעם קאַלטן וואַסער פרישער, שטייפער געוואָרן און פון יעדן קאַלטן רייב האָט זי געפילט, ווי דאָס לייב ציט זיך אָן, פונקט ווי אַ סטרונע.

---

פאַרנאַכט. רחל האָט זיך אָנגעטאָן אַ לייכט ציצן קלײדל, אַ ציצענע בלוזקע מיט אייגעלעך און מיט אַן אַריבערגעלייגטן קאָלנער, אַרומגעשנירלט אַרום האַלז אַ רויט בייטשל קרעלן, געשטאַנען אַ ווײלע אין שפיגל, זיך שטיל צעזונגען און אַרויס.

זי איז גיך אַוועק אין פעלד אַרײן.

גייענדיק האָט רחל געריסן ווייס־בלוילעכן „כאַבער" און געפלאָכטן אַ קראַנץ. זי איז זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען ביז צום וועלדל, געטראַכט וואָס צו ריידן מיט זאַנוולען, ווי ער איז דורך די גרענעץ. זאַנוול האָט שוין געדאַרפט זיין. רחל האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. זי האָט געוווּסט דעם וועג, דורך וועלכן ער קומט אָן, איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט דעם קראַנץ כאַבער אויפן קאָפּ, די אויגן ברייט צעעפנט און געקוקט, געזוכט אין אַלע זייטן. עס האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן און באַלד איז אַרויסגעשווּמען אַ הויכע פיגור.

— זאַנוול! זאַנוול! — האָט זיך רחל געפרייט און גענומען שפּאַנען אַנטקעגן.

די פיגור איז נאָך געגאַנגען עטלעכע טריט, זיך אַרײנגעדרייט אין אַ זייטיק געסל און איז פאַרשווּנדן.

עס איז דורך אַ שעה, רחל איז געוואָרן נערוועזער און אַלץ אין איר האָט גענומען קאָכן. זי איז אַריין אין דער בודע און זיך צעוויינט.

— ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען, קיינמאָל — האָט רחל מיט זיך גערעדט. — און אויב ער וועט קומען וועל איך אים הייסן גיין, יאָ! וואָס ווייס אַ פערד־גנב פון ליבע? איך ליג יעצט דאָ, דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער, וואַרט אויף אים, און ער קריכט געוויס יעצט אין אַ שטאַל אַריין און נעמט אַרויס אַ פּאָר פערד. ברררר... גוט אויף מיר! גוט אַזוי!

— און טאָמער האָט מען אים נעכטן געשאָסן? — איז איר דורך אַ געדאַנק — ער איז דאָך אַוועק מיט אַ פּאַרטיע פערד איבער דער גרענעץ, און ביי דער גרענעץ שטייען דאָך אַזויפיל זעלנער מיט אָנגעלאָדענע ביקסן! יאָ, מען האָט אים געוויס דערשאָסן, אַנדערש וואָלט ער געקומען!



רחל האָט זיך אַנידערגעוואָרפן מיט דעם פּנים צום גראָז און האָט זיך צעכליפּעט.

פאַר איר האָבן זיך געהויבן געדיכטע וואָלקנס שטויב. פון די וואָלקנס איז זאַנוול אַרויסגעשווּמען אויף אַ שוואַרץ פערד, די פּאַרטיע נאָך. עס זיינען אָנגעקומען זעלנער. עס האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. זאַנוול איז אַראָפּ פון פערד, געבליבן ליגן אין אַ טייך בלוט. די פערד זיינען דורכגעשפרונגען, אים צעטראָטן און אין דער ... האָט געקלונגען:

— רחל, רחל! מיין רחטשע! — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

--------

## יא

זאַנוול האָט אין שלאָף געוווּסט, אַז ער פאַרשפּעטיקט, געוואָלט זיך עטלעכע מאָל אויפכאַפּן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט. צום סוף איז ער אויפגעשפרונגען מיט אַ געשריי, ווי אַן אָפּגעבריטער, און זיך אַרומגעקוקט. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, נאָר דער טונקל־בלויער הימל מיט די מחנות שטערן האָבן איבערגעוואָלט דורכגעריסן דאָס פינסטערניש און באַלויכטן אַלץ אַרום.

זאַנוול האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער:

— אַ כאָליערע, אַנדערטהאַלבן שעה פאַרשפּעטיקט! דאַכט זיך אָנגעזאָגט דעם „אַלטן" ער זאָל אויפוועקן... און ווער ווייסט צי כ'וועל זי יעצט טרעפן? זי וועט זיך געוויס טראַכטן: גיי האָב צו טאָן מיט אַ גנב!

זאַנוול האָט גענומען קריצן מיט די ציין, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און האָט האַסטיק גענומען שפּרייזן צו דעם ברונען, וואָס איז געשטאַנען אין עק הויף. ער האָט אָנגעשעפּט מיט דעם „זשוראַוו"

אַן עמער וואַסער, זיך אָנגעטרונקען, איינגעוואַשן און גענומען שפּאַנען מיט אַלע כּחות אין פעלד אַריין.

דעם גאַנצן וועג איז זאַנוול כּמעט געלאָפן, גאָר נישט געטראַכט, ער האָט נאָר געשפּירט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אים. ווען ער איז צו־געקומען צו דעם אָרט, וווּ זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן און האָט קיינעם נישט געזען, האָט זאַנוול מיט אַמאָל דערשפּירט ווי עפּעס רייסט זיך ביי אים אָפּ און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט באַטראַכט דאָס פעלד אַרום און אַרום. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט דאָרט לעבן בערגל זיצט עמעצער. אַ פאַרציטערטער איז ער צוגעגאַנגען — אַ פּיען איז געלעגן. מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָט זיך זאַנוול אַוועק־געזעצט אויף דעם פּיען און גענומען טראַכטן. ער האָט אָבער מער ווי עטלעכע קללות אויף דעם „אַלטן" נישט געקאָנט צוטראַכטן. ער האָט אויפגעהויבן אַ דיקע צווייג און זי גענומען ברעכן אין שפּענער. און פּלוצלינג האָט ער באַמערקט מאָרוועו.

— פון וואַנען נעמט זי זיך דאָ? דאַכט זיך דעם גאַנצן וועג האָב איך זי נישט געזען. און ווער דאַרף זי דאָ?

זאַנוול האָט אָנגעכאַפּט מאָרוועו פאַר די אויערן, זי גענומען טרייסלען, שטויסן מיטן פוס.

מאָרוואָ האָט זיך צוגעזעצט, איינגעקאָרטשעט, געקוקט אַ פאַר־וווּנדערטער אויף דעם בעל־הבית, און זיינע מאַנדל־אויגן האָבן געטענהט: פאַרוואָס? זאַנוול האָט פאַרשטאַנען דעם הונטס שאלה און מיט רחמנות אים גענומען האַלזן, זיך מיט אים אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז אויף דעם גראָז. אַזוי איז ער געלעגן עטלעכע מינוט. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין רחלען און דאָס האַרץ האָט אים ווידער פאַרקלעמט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און זיך געשלעפּט איבער דעם פעלד. פאַרבייגייענדיק די בודע, האָט זאַנוול אַריינגעקוקט און האָט אַ צאַפּל געטאָן: עמעצער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דעם גראָז

— רחל!

רחל האָט זיך אַ האַסטיקן דריי געטאָן, דערזען זאַנוולען און האָט זיך צוריק געלייגט ווי פריער.

זאַנוול איז עטוואָס צעמישט געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, און זי גענומען וועקן.



— רחל, ביסט ברוגז? זיי נישט ברוגז, אַז אויף מיין וואָרט, כ'בין נישט שולדיק, כ'האָב אָנגעזאָגט מען זאָל מיך אויפוועקן מיט אַ שעה פריער, נו, האָט מען מיך אינגאַנצן נישט אויפגעוועקט! גלויבסט נישט? כ'בעט דיך, רחל! ביטע!

רחל האָט זיך אויסגעדרייט, געקוקט אויף אים האַלב ברוגז:

— און פאַרוואָס האָב איך נישט פאַרשפּעטיקט, געקומען נאָך מיט אַ שטיק צייט פריער?

זאַנוול האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ יינגל וואָס מען כאַפּט ביי אַ ליגן.

— אָבער איך ווייס פאַרוואָס — האָט רחל דרייסטער געזאָגט, — ראָס איז דערפאַר, ווייל דו קלערסט גאָרנישט וועגן מיר! האָסט תּמיד אין זינען דיינע פערד און ווער ווייסט וואָס? זעסט, פון דערפרי אָן ביז יעצט קלער איך אַלץ פון דיר, כ'וואַרט אַלץ, אַז די נאַכט זאָל קומען — — און יעצט, אַז דו ביסט נישט געקומען, וואָס איך האָב אַלץ נישט איבערגעטראַכט, גאָט מיינער! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט דיך געהרגעט. כ'ווייס וואָס? — — —

זאַנוול האָט געפילט ווי עס ווערט אים לייכטער אויף דעם האַרץ. עס האָט זיך אים געוואָלט אַלץ איר זאָגן, דערציילן וועגן מאַנקען, וועגןביילען... באַלד האָט ער זיך אָבער געטראָפן מיט רחלס שוואַרצע אויגן, איז צעטומלט געוואָרן און די צונג האָט זיך אים צוגעשמידט צו דעם גומען.

רחל האָט באַמערקט, אַז זאַנוול איז אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט זי זיך צוגערוקט צו אים, און ווי אַ מאַמע האָט זי אים געגראָזשעט מיט אַ פינגער:

— הייסט עס, זאָגסטו מיר צו, אַז...

— אויף מיין וואָרט — האָט איר זאַנוול איבערגעשלאָגן — כ'בין נישט שולדיק! אַז זיי האָבן מיך נישט אויפגעוועקט — — — גלויב מיר, רחל, איך וועל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן זיך נישט צו לייגן שלאָפן!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך רחל צעלאַכט, זיך אַרויפגעזעצט זאַנוולען אויף דער שויס און אים אָנגענומען פאַר דער גאָמבע: — כ'האָב געמיינט, דו וועסט שוין נישט קומען, כ'וועל שוין קיינמאָל נישט זיצן מיט דיר, אָט אַזוי! נו, דערצייל מיר עפּעס! וויאַזוי האָסטו

דורכגעפֿירט די פֿערד? דו ווייסט גאָרנישט, ווי שיין דו ביסט געווען, זיצנדיק אויפֿן שוואַרצן אָגער. ס׳האָט דיר נאָר געפֿעלט אַ ווייסער פֿלאַשטש! האָסט מיך עפּעס ליב, זאַנוול? זאָג! — — —

זאַנוול איז געלעגן ווי פֿאַרשכּורט פֿון פֿרייד. ער האָט איר דערציילט ווי אַזוי ער איז דורך די גרענעץ. זי איז געלעגן אויף זיין שויס ווי אַ קליין קעצעלע, זיך איינגעטוליעט אין זיין ברייטער ברוסט און זיך צוגעהערט. זי האָט אַראָפּגענומען דעם קראַנץ בלומען פֿון איר קאָפּ, אים אָנגעטאָן זאַנוולען און זיך נאָך שטאַרקער געטוליעט.

פֿאַר אירע אויגן האָט זיך געוועבט אַ גרויסער געדיכטער וואַלד. זי איז געזעסן אונטער אַן אַלטן דעמב, די האָר צעשאָטן און געפֿלאָכטן אַ קראַנץ. עס האָט זיך באַוויזן אַ פֿאַרבלאָנזשעטער וואַלד-פּרינץ אויף אַ שוואַרץ פֿערד. ער האָט זיך דריי מאָל פֿאַר איר געבויגן און געבעטן דעם קראַנץ. זי האָט דעם פּרינץ אָנגעטאָן דעם קראַנץ אויף זיינע בלאָנדע לאָקן. דער פּרינץ האָט זי איינגעוויקלט אין זיין ווייסן פֿלאַשטש און דאָס פֿערד האָט זיך געטראָגן וואַלד-איין, וואַלד-אויס — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך רחל אויפֿגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט און אַ פֿאַרשכּורטע אַרויס פֿון דער בודע. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש. רחל איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, מיט ווייס צעפּענטע הענט. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען מאָרווע, עטוואָס אויסגעצויגן, מיט אויפֿגעשטעלטע אויערן און געבורטשעט.

— „אַ טי פּשאַ קרעוו!” — האָט זאַנוול אַ געשריי געטאָן און גענומען רייסן דעם הונט פֿאַר די אויערן. — האָסט זיך איבערגעשראָקן? דאָס איז דאָך מיין הונט!

רחל האָט באַטראַכט דעם שוואַרצן קודלאַטן הונט און ער איז איר געפֿעלן געוואָרן.

זיי זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט איבערן גראָז און געשוויגן.

— רחל, דו ווייסט, מיין שוועסטער האָט אין קורצן חתונה?

— אַזוי? און טאַקע מיט דעם בעל-עגלה? ווי הייסט ער?

— יאָ. מיט בערקען!

— זאַנוול, וואָלסט געוואָלט כ׳זאָל זיין אויף דער חתונה? — האָט רחל געזאָגט, זיך אָפּגעשטעלט און אים געקוקט גלייך אין די אויגן.



— צי איך וואָלט געוואָלט... אָבער, כ׳ווייס?... וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

— אַז מיך אַרט נישט, וואָס אַרט עס דיך, נאַרעלע! טאָ הער, זאַנוול, פֿאַר דער חתונה, לאָז דיין שוועסטער קומען און בעטן מיך מיט דער אַלטער דינסט. די אַלטע וועט שוין פּועלן ביים טאַטן כ׳זאָל גיין. הערסט, וועל איך מיר מאַכן אַ בלאָווע קלייד! איינס אין פּוילן! דו וועסט זען ווי דיין רחל וועט אויסזען אין אַ ווייס זיידן קלייד ביז צום טריט. און אין קאָפּ וועל איך מיר אַריינזעצן אַ ווייסע רויז, וועל איך זיין שיין! נאָר געדענק — האָט רחל ערנסטער געזאָגט און צוגעשטעלט אַ פֿינגער צו דער נאָז — אויף דער חתונה מאַך זיך, אַז דו קענסט מיך נישט! פֿאַרוואָס שווייגסטו? גיי, איך האָב דיך פֿיינט!

זאַנוול האָט זי געכאַפּט אין זיינע אָרעמס און באַדעקט איר פּנים מיט קושן.

12

שוין עטלעכע טעג ווי ביי שלמהן האָט די טיר נישט גערוט. מען האָט געהאַלטן אין איין קומען און אַוועקגיין. שלמה איז אַפֿילו דערפֿון נישט איבעריק צופֿרידן געווען, דען ביי יעדן עפֿן פֿון דער טיר, האָט ער אויך געמוזט עפֿענען דעם בייטל, נאָר ער האָט זיך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצן. אַ קלייניקייט, חתונה מאַכן דאָס ערשטע קינד! און ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ שמחה?

שלמה איז אַריינגעקראָכן אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע, געזעסן גאַנצע טעג אין שטוב און געזען, אַז אַלץ זאָל זיין בהרחבה.

אין מיטן שטוב איז געשטאַנען חנה אין אַ ווייסע האַלקע מיט אַ לויזע בלוזקע און האָט אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן שטרויענעם קויש איר אויסשטייער. זי האָט צעוואָרפֿן אַ העמד מיט אַן אויסגעהאָפּטענעם קאַרטשיק, זיך פֿאַרטראַכט, עס צונויפֿגעלייגט, געפּאַקט ווייטער און אַ גליקלעכע געשלונגען דעם ריח פֿון פֿריש געבעקס.

תּרצה מיט שׂרהן זיינען געשטאַנען אין קיך אָן בלוזקעס און געציילט דאָס געבעקס, וואָס דער בעקער האָט נאָר וואָס געבראַכט.

פון מאָל צו מאָל איז תּרצה אַריין צו שלמהן, פאַרוואָרפן איר פאַרטוך אויף דער נאַקעטער ברוסט:

— שלמה?

— וואָס איז?

— און וואָס הערט זיך מכּה פיש?

— דאגה נישט, תּרצה! מיר וועלן האָבן איינמאָל פיש! לעבעדיקע, צאַפּלדיקע! פינף שקצים זיינען נאָר וואָס אַרויס צו דער „זשאָלדעווקע“.

תּרצה האָט אַ שטופּ געטאָן שלמהן מיטן עלנבויגן און אים געוויזן אויף חנהן, וואָס איז געשטאַנען אַ צעפלאַמטע און באַטראַכט איר בלוי-זיידן קלייד.

— ווי לאַנג איז ווי איך בין אַזוי געשטאַנען? — האָט תּרצה אָפּגעזיפּט — שלמה, נו, אויף אַ טשיקאַוועס, געדענקסט פאַרע חופּה-קלייד איך האָב געטראָגן?

— פרעג מיך עפּעס בעסערס! — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ שמייכל.

די טיר האָט זיך געעפנט און ישׂראל לערער, אַ דאַר מענטשל אין ברילן, האַלב-קורץ געקליידט איז אַריין. מיט איין האַנט האָט ער פאַרריכט זיין גומענעם קאָלנער, וועלכער האָט זיך אים אַרויסגערוקט, און מיט דער צווייטער האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

— ברוך הבא, אַ ייד! — האָט שלמה געזאָגט, אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער אים אַרויסגערוקט אַ שטול.

— ברוך נמצא! — האָט דער לערער געענטפערט מיט אַ שמייכל— הייסט עס, אַז חנה, מיין תּלמידה, האָט שוין חתונה! די וועלט רוקט זיך!

חנה האָט געשטעלט בראָנפן מיט לעקעך.

ישׂראל האָט געטרונקען לחיים צו שלמהן, „צום וואָהלזיין“ צו חנהן און זיין דאַרע נאָז האָט זיך פאַררויטלט. ער האָט אַרויסגענומען



פון בוזעם אַ פעדער מיט טינט און חנה האָט אים דיקטירט די נעמען, צו וועמען מען האָט געדאַרפט שיקן חתונה-קאַרטן.

שלמה האָט געקוקט ווי ישׂראלס האַנט פליט איבער די קאָנווערטן, ווי זי דרייט זיך, צוקט און מאַכט אַזעלכע שיינע בוכשטאַבן. עס האָט אים געוווּנדערט, פאַרוואָס אַזאַ געלערנטער ווי ישׂראל זאָל זיך אַזוי מאַטערן, גיין לערנען קינדער פון שטוב צו שטוב פאַר אַ רובל אַ חודש.

און אַז ישׂראל איז אַביסל מיד געוואָרן, האָט ער גענומען אַ שטיקל פאַפּיר, אָפּגעווישט די פעדער, געמאַכט נאָך אַ שנעפּסל און גענומען דערציילן שלמהן וועלט-זאַכן. ער איז קלאָר געווען אין אַלע קסרים, געוווּסט גענוי ווי אייגער איז שטאַרק און אַז ער פלעגט ריידן װעגן אַ מלחמה — איז דורך אַ גרויל דורכן לייב.

שלמה האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, זיך צוגעהערט מיט אַן אָפן מויל און תּמיד פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער טערקישער מלחמה. ער האָט געוווּסט אויף אַ פריער וואָס ישׂראל וועט אים דערציילן, נאָר גאָרנישט, ער האָט ליב געהאַט צו הערן ווי ישׂראל רעדט.

חנה איז געזעסן די גאַנצע צייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ישׂראל איז אַמאָל געווען איר לערער, פלעגט ער זי אַרומנעמען און קושן. און איינמאָל ווען ער האָט זי געהאַלטן אויף זיין שויס איז אָנגעקומען ישׂראלס ווייב מיט אַ קינד אויף דער האַנט — פון דעמאָלט אָן האָט זי אויפגעהערט לערנען ביי אים און טאַקע מער ווי דאַוונען האָט זי זיך נישט אויסגעלערנט.

דער שמש מיט עטלעכע „בעטערקעס“ זיינען אַריינגעקומען נאָך די חתונה-קאַרטן.

אַז שלמה איז מיט זיי אַרויס פון שטוב, איז ישׂראל געוואָרן לעבעדיקער. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ שטיך געטאָן מיט חנהן און איר געשטעלט אַזעלכע פראַגן, אַז ס׳איז איר פון חרפּה פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

ישׂראל האָט געענדיקט זיין אַרבעט, צוגענומען אַ פּאַפּירענעם רובל און געמאַכט אַ שנאַפּס. חנה האָט אים איינגעפּאַקט אַ טיט מיט לעקעך פאַר די קינדער און אים געבעטן אויף דער חתונה.

— געוויס, געוויס, ווי דען! האָט ער געשמייכלט און איז אַריין אין קיך מיט אַ וויץ. תּרצה מיט שׂרהן האָבן זיך געבויגן פון געלעכטער.

אין דרויסן איז געשטאַנען זאַנוול מיט עטלעכע יינגען און געשטעלט אַ סאָפּע פון ברעטער, ווו דער עולם וועט עסן. די סאָפּע האָט זיך געצויגן איבער דעם גאַנצן הויף.

---

## 13

די כלה איז געזעסן ווי אַן אויסגעגאָסענע אויף אַן אויסגעבעטן פּאָסטעל אין איר בלוי־זיידן חופּה־קלייד, באַפּוצט פון פאָרנט מיט שוטאַש־בלימלעך. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ גערלאַנדע פון מירטן־בלעטער. פון אונטער דער גערלאַנדע האָט זיך געשפּרייט אַ ווייסער, ברייטער טול און איז לייכט אַראָפּגעפאַלן איבער אירע פּלייצעס, ביז איבער דער טאַליע.

איבערן זאַל האָט זיך צעגאָסן אַ וואַלס.

מיידלעך האָבן זיך גענומען פאָרן, זיך לייכט געטראָגן אין זייערע קאָלירטע, רוישנדע קליידער, געוווּנקען מיט אַלע גלידער, האַרציק געלאַכט.

און חברה יינגען האָבן אַרויסגעקוקט אויף די מיידלעך פון כלי־זמרים־שטיבל און האָבן הנאה געהאַט.

מענדל „פּאָדראַטשיק" טעכטערל, אין וועמעס הויז די כלה איז איינגעשטאַנען, האָט פאַרבעטן אירע חבֿרטאָרנס פון דער פּענסיע, פאַרקליבן זיך מיט זיי אויפן באַלקאָן און הנאה געהאַט ווי „פּראָסטאַקעס" פירן זיך אויף אַ חתונה.

דער זאַל איז געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. עס זיינען צוגעקומען יינגערע און עלטערע פרויען.

תּרצע מיט צוויי מחותּנתטעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן זאַל מיט קלאָשן צוקערוואַרק און מכבד געווען דעם עולם.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ביילע, גראַדולס ווייב. זי האָט געטראָגן אַ גרין זיידן קלייד פון דער זייט צו קנעפּלען און געשימערט מיט צוויי שורות „פאַרגעס מיך נישט". דאָס קלייד איז



כמעט געווען אָן אַרבל, איבערגעצויגן מיט אַ שוואַרץ זיידענעם טול. אירע רונדע אַקסל מיט דעם האַלז זיינען געווען איבערגעהילט מיט אַ געשטריקטן הימל־קאָלירטן שאַל, וועלכער האָט זיך גערוקט, און געבויגן ווי אַ שלאַנג. אויף די הענט האָט זי געטראָגן לאַנגע ווייס־זיידענע האַנטשן. די שוואַרצע האָר געקעמט סעצעסיע און פון ביידע זייטן קאָפּ זיינען די דיקע צעפּ פאַרלייגט געווען אין קאָקסן. ביילע איז אַריין מיט אַ גערודער. זי איז ראַשיק דורך דעם זאַל, אַרויסטרופנדיק מיט אירע געטאָקטע פּיסלעך אַ פאַרבאָרגענעם רייץ. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעקושט מיט דער כלה און ווי נישט באַמערקנדיק קיינעמס בליקן אויף זיך, האָט זי זיך גענומען שפּילן מיט דעם דינעם גאָלדענעם קייטל, אויף וועלכן אַ פלאַקאָנטשיקל פּערפומען איז געהאָנגען.

— אודאי אַ וואַרשעווערן! — האָבן זיך די ווייבער איבערגעוואָרפן וועגן איר.

ביילע האָט באַמערקט זאַנוולען, האָט אַ שמייכל געטאָן און אים צוגערופן מיט אַ פינגער. זאַנוול האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: יאָ אַריינגיין? נישט אַריינגיין? נאָר ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט טראַכטן: דאָס קליינע שוואַרץ־חנעוודיקע ווייבל האָט זיך געטראָגן צו אים מיט אַ גערויש.

— מזל טוב, זאַנוול! — האָט ביילע געזאָגט און אים דערלאַנגט איר קליין הענטל מיט דער ווייסער הענטשקע.

זאַנוול איז רויט געוואָרן, געהאַלטן איר האַנט און געדאַנקט.

— פאַר וואָס זעט מען אייך נישט, זאַנוול? ווי כ'זע, זענט איר אַ שטאַרקער וואָרטסמאַן! איר האָט דאָך, דאַכט זיך מיר, צוגעזאָגט אַריינקומען? זעט מען אייך נאָך!

זאַנוול האָט עפּעס גענומען שטאַמלען, זיך גישט געקאָנט אַרויסדרייען און זיך גאָך שטאַרקער פאַררויטלט. ביילע האָט אויף אים געקוקט און אַ פּנים הנאה געהאַט, ווי אַזאַ געזונטער בחור רויטלט זיך ווי אַ יונג מיידל.

— דאָס מאָל בין איך אייך מוחל, נאָר פון היינט אָן זאָלט איר מיר זיין אַ גוט יינגל, איר הערט? — האָט ביילע געזאָגט, זיך שעלמיש איינגעבויגן און אים אַ שטופּ געטאָן מיט איר קני. זאַנוול האָט דערפילט אַ כוואַליע בלוט אין פּנים.

— און יעצט, זאַנוול, וואַרפט אַריין אין קאָן און מיר וועלן טאַנצן!

— אָבער, די ווייבער... וועלן דאָך... — האָט זאַנוול אָנגעהויבן שטאַמלען.

— ווייס איך וואָס?! כ'וועל זאָגן, אַז איך בין אייערס אַ מומע. גוט?–האָט זיך ביילע צעלאַכט און אַ בליק געטאָן מיט אירע קוילן-אויגן.

זאַנוול האָט איינגעוואָרפן די כלי-זמר אויף אַ טאַנץ, אַרומגענומען ביילען און זיך אַריינגעטראָגן צווישן די פּאָרלעך. עלטערע ווייבער האָבן אַ ביסל קרום געקוקט, נאָר עס איז דאָך אַ חתונה! אַלע האָבן געקוקט ווי ביילע שוועבט, טראָגט זיך לייכט ווי אַ יונגער פויגל, רירט קוים אָן די פּאָדלאָגע. זאַנוול האָט זי לייכט געהאַלטן, עטוואָס זיך איינגעבויגן און איז פאַרשכורט געוואָרן פון איר שמעקעדיקן בוזים. ער האָט אָן אַלץ פאַרגעסן. ער האָט נאָר געפילט ווי ער טראָגט זיך עפּעס אין אַ כשוף-טאַנץ, און די פערפומען האָבן אַלץ מער און מער אים געקלאַפּט אין פּנים, באַרוישט, און דאָס זיידענע קלייד האָט גערעדט, זיך געבויגן און געשיפּעט ווי אַ מחנה שלאַנגען. ביילע האָט אַ געשריי געטאָן צו די כלי-זמרים: פאַרעספּאַן!

קיינער האָט נישט געטאַנצט. ביילע איז געשטאַנען אין איין עק, זאַנוול אין צווייטן. ביילע האָט אויפגעהויבן מיט דער רעכטער האַנט איר שלעפּ און די ליאַקירקעס מיט די שוואַרצע דורכזיכטיקע זאָקן האָבן זיך געהויבן פון אָרט. זי האָט גענומען שטיל מיט-זינגען, זיך פאַרמאָסטן צום טאַנץ, און דער הימל-בלויער שאַל האָט זיך גערוקט איבער דעם האַלז, געבלענדט די אויגן. זי האָט אַ הויב געטאָן אַ פוס, לייכט אַפּערגעוואָרפן די קורצע ווייסע האַלקע, גראַציעז אַ בויג געטאָן דעם עלאַסטישן קערפּער, פאַרשייט אויפגעצויגן די אַקסלען און זיך געטראָגן אַנטקעגן זאַנוולען, זיך געטראָגן אַנטקעגן אים מיט בליצן אין די שוואַרצע אויגן... אָט האָבן זיי זיך אַרומגענומען. זאַנוול האָט געפילט, ווי זי דריקט זיך אַלץ מער צו אים און זי פרעגט אים: פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען?...

ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט זאַנוול גענומען אָפּווישן זיין נאַסן שטערן און זיך גלייך געוואָלט אַריינשאַרן צו די כלי-זמרים, נאָר באַלד האָט ער באַמערקט ווי רחל קוקט אים אָן.

רחל האָט געזעז ווי זאַנוול האָט געטאַנצט מיט דעם שיינעם



ווייבל און דאָס האַרץ האָט איר פאַרקלעמט. זי האָט זיי די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זאַנוול איז פאַרליבט אין דעם ווייבל. רחל האָט באַמערקט, אַז דורך דעם גאַנצן טאַנץ האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר, געהאַלטן זיינע ליפּן אַזוי נאָנט צו אירע שוואַרצע האָר, ווי ער וואָלט זי געוואָלט קושן. און זי איז דאָך אַזאַ שיינע! און ווי שיין זי טאַנצט! רחל איז געוואָרן מיט אַמאָל אומעטיק. עס האָט איר באַנג געטאָן צו וואָס זי איז געקומען און האָט גענומען זוכן אַ געלעגנהייט צו פאַרלאָזן דעם זאַל.

רחל האָט זיך געטראָפן מיט זאַנוולס בליק און עס איז איר אויף אַ ווײַלע לייכטער געוואָרן. באַלד אָבער האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז נאָך טרויעריקער געוואָרן.

זאַנוול איז אַריין אין צווייטן צימער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אַפּערגעוואָרפן זיינע פיס און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אים האָט זיך געוואָלט צוגיין צו רחלען, זאָגן איר, אַז ער איז נישט שולדיק, אַז ער וואָלט אויף דעם טאַנץ-זאַל איינגאַנצן נישט געקומען; ער איז געקומען זען ווי זי וועט אויסקוקן אין איר ווייס באַלאָווע קלייד...

— וואָס איז מיט אייך, זאַנוול? נעמט, פאַרזוכט!

זאַנוול האָט אַ צאַפּל געטאָן. לעבן אים איז געשטאַנען ביילע מיט אַ קליאָש צוקערוואַרג אין דער האַנט. זי האָט געלאַכט און אים געשטופּט מיט איר ליאַקירענעם שיכל.

ער האָט גענומען אַ שאָקאָלאַדקע.

ביילע האָט זיך געזעצט לעבן אים, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין שויס און גענומען אים עפּעס דערציילן.

וויז-אַ-ווי איז געשטאַנען רחל אַ בלאַסע, אין איר ווייס זיידן קלייד ביז צום טריט, די צוויי לאַנגע צעפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט געקוקט אויף דעם פּאָרל.

זאַנוול איז בלאַס געוואָרן ווי קרייד.

— וואָס איז מיט אייך? ס'איז אייך נישט גוט געוואָרן? — האָט ביילע אים געפרעגט און האָט זיך אויסגעדרייט. זי האָט באַמערקט רחלען.

רחל האָט זיך באַגעגנט מיט ביילעס בליק און געשפּירט ווי עס ווערט איר קאַלט.

— דאָס לאַכט ער נאָך פון מיר, ווייזט יענער דאָס מיידל, וואָס ליבט אים! — האָט רחל אַ טראַכט געטאָן און געפילט בשעת מעשה ווי דאָס האַרץ פּלאַצט איר און אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. זי איז אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך אויסגעווישט די אויגן און געבעטן גאָט עס זאָל שוין זיין נאָך דער חופה.

זאַנוולען האָט עס געהויבן פון אָרט. עס האָט זיך אים געוואָלט באַליידיקן ביילען: „וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר ?!"

— ווער איז יענץ מיידל ? — האָט ביילע געפרעגט אויף רחלען

— מיין שוועסטערס אַ באַקאַנטע, — האָט זאַנוול געענטפערט און איז רויט געוואָרן.

— וואָס קוקט זי אונדז אַזוי נאָך ? זי איז אייפערזיכטיק ?

זאַנוול האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גענומען בייסן די נעגל.

ביילע איז אַריין אין טאַנץ-זאַל.

זאַנוול איז געזעסן און געפילט ווי עס זשומעט אים אין די אויערן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעשטעלט, צוגעקנעפּלט דעם ראָק, געוואָלט אַריינגיין צו רחלען, נאָר די פיס האָבן זיך פון אָרט נישט גערירט.

רחל האָט זיך צוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, קיינער זאָל זי נישט באַמערקן, און האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, מען זאָל וואָס גיכער גיין צו דער חופה. זי האָט געשפּירט, אַז אויב עס וועט איר נאָך לאַנג אויסקומען צו פאַרבלייבן דאָ, וועט זי זיך צעוויינען.

מיט אַמאָל האָט זי דערזען ווי זעכצן מיידלעך טאַנצן אַ „ליאַנסער". אַכט זיינען געשטאַנען אין איין זייט אַלס „הערן" און אַכט אין דער אַנדערער זייט אַלס „דאַמען". די מיידלעך האָבן גע-טאַנצט איינע אַנטקעגן די אַנדערע, געהויבן די הענט, דורכגעשוווּמען, געמאַכט אַ ראָד, געדרייט און געבויגן גראַציעז זייערע קערפּערס, זיך פאַנאַנדערגעטיילט און ווייטער געטאַנצט.

רחל איז געזעסן און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף איר, ווייזן מיט די פינגער. זי האָט גענומען אויסמיידן זייערע בליקן, און, ווי אויף צו להכעיס, האָט זי זיך יעדע ווילע באַגעגנט מיט



ביילעס פאַרשייטע אויגן און געשפּירט בשעת מעשה ווי עס גיט איר אַ שטאַרקן ברי.

— וואָס איז דער מער, רחל ? וואָס זיינט איר אַזוי אומעטיק ?— האָט זי שרה געפרעגט, אינגאַנצן אַ פאַרפלאַמטע פון טאַנצן.

רחל האָט געפילט, אַז אָט, אָט פּלאַצט זי אַרויס מיט אַ געוויין. זי האָט געטאָן אַ טרייסל מיטן קאָפּ, אַ ביס געטאָן זיך אין דער אונ-טערשטער ליפּ און געענטפערט מיט אַ לייכטן געמאַכטן שמייכל:

— עפּעס טוט מיר דער קאָפּ וויי, נאָר ס'מאַכט נישט! אויב איר ווילט, שרה, וואַרף איך איין אויף אַ טאַנץ.

רחל איז פלינק אויפגעשפּרונגען, איינגעוואָרפן און גענומען פליען מיט שרהן איבער דעם זאַל. זי האָט געפילט ווי דאָס אויסגע-פּוצטע ווייבל שטייט און לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון איר. אין מיטן טאַנצן האָט רחל זיך אָן אַלעם פאַרגעסן און געפרעגט שרהן אויף ביילען:

— דאָס איז זאַנוולס אַ באַקאַנטע, אַ וואַרשעווערן ?

מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן. באַלד האָבן די כלי-זמרים גע-נומען שפּילן אַ פריילעכס און פון אַלע זייטן האָט געטראָגן:

— צו דער חופה! צו דער חופה! אין אַ מזלדיקער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה!..

אַז זאַנוול האָט זיך אויפגעשטעלט איז שוין קיינער אין זאַל נישט געווען. ער איז גיך אַראָפּ אויף דער גאַס, זיך גענומען דורכ-שטופּן אַ וועג דורך דעם עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַס פון מאַרק אָן ביז צו דעם שול-הויף.

מאַנקע איז אים אַנטקעגן געקומען מיט עפּעס אַ געלן יינג.

— מזל-טוב דיר, זאַנוול! אַ שיינער מענטש ביסטו,—האָט מאַנקע צו אים געזאָגט, — שעמסט זיך גאָר מיט דיינע אַלטע באַקאַנטע! אַ שוועסטער האָט חתונה, שטייט דיר נישט אָן מיך צו בעטן ?!

— נאַרישע מאַנקע, אַז איך וועל חתונה האָבן און דיך נישט בעטן, וועסטו האָבן אַ פּרעטענזיע! כ'דאַנק גאָט, אַז מען האָט מיך געבעטן!— האָט זאַנוול געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— ————

## 14

די סאָפּע פון ברעטער, וואָס זאַנוול האָט אויפגעשטעלט, איז געווען באַלויכטן מיט די בליץ-לאָמפּן פון דעם בעל-עגלהשן מנין. צוויי טישן האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער סאָפּע: פאַר מענער און פאַר פרויען.

אַ חברה יינגען זיינען געשטאַנען און מיט דרך-ארץ אַריינגעקוקט ווי שלמה „קראַדניק" פּראַוועט אַ חתונה.

זאַנוול איז געזעסן צווישן דעם עולם און געגאָסן אין זיך ווי אין אַ פאַס אַריין. ער האָט געפילט ווי אַלץ ביי אים הויבט זיך, שפּאַרט זיך צום קאָפּ; נאָך אַ ווײַלע און דער מח וועט אַרויסזעצן ווי אַ פּראָפּן פון אַ פאַרמאַכטע פלאַש.

— זאַנוול, קומט מיר העלפן אַריינגעמען נאָך אַ קאָש בראָנפן; ס'איז שוין מער נישטאָ! — איז צו צו אים ביילע אַ פאַרפלאַמטע.

— אַ שעלמאָ! — האָט ביי זאַנוולען אַ בליץ געטאָן אין מח, און ער איז מיט איר אַרויס.

אָבער אָנשטאָט צו גיין אין שטוב אַריין, זיינען זיי אַוועק אונטערן עפּל-בוים.

— זאַנוול, וווּ איז דער בראָנפן? — האָט ביילע געפרעגט און אים געקוקט פאַרשייט אין די אויגן.

— שווייגט! — האָט זאַנוול געענטפערט און זי פעסט אַרומגענומען.

— זאַנוול, ניטע! גענוג... מיין מאַן גייט!

זאַנוול האָט זי גלייך אָפּגעלאָזט, זיך אַרומגעקוקט און אַ בריל געטאָן:

— מאַרש, צום מאַן!

ביילע איז אַוועק אַ באַליידיקטע און זאַנוול האָט זיך אויסגעצויגן אונטערן בוים.



ער האָט געפילט פּאַסקודנע אין מויל. דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט, געשלאָגן צום מח, וועלכער האָט זיך אַלץ העכער און העכער געהויבן. ער האָט געפילט אַ שרעקלעכן עקל צו ביילען. עטלעכע מאָל איז אַרויפגעשווומען רחל, נאָר איר געשטאַלט האָט זיך לאַנג נישט געוואָלט האַלטן... ער וואָלט זיך אפשר גאָר געלייגט שלאָפן, נאָר ווי אויף צו להכעיס איז אים רחל ווידער געקומען פאַר די אויגן...

עס האָט אים גענומען שטעכן אין די שלייפן. איז ער צו צום ברונעם, אָנגעשעפּט אַ קובל וואַסער און גענומען נעצן דעם קאָפּ.

פון דער סאָפּע האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן פריילעכע נגונים און אַ ווילד געלעכטער.

זאַנוולען איז אַלץ געוואָרן דערווידער. ער האָט גענומען שפּאַנען ווי אויף שטאָלצן איבער די שטילע גאַסן. ווו-ניט-ווו אין אַ ווינקל איז געשלאָפן אַ נאַכט-וועכטער מיט דעם גראָבן שטעקן אין דער האַנט.

זאַנוול איז נישט ווילנדיק צוגעקומען צו רחלס הויז. דאָס הויז איז געשטאַנען אין דערמיט פון אַ קליין סעדל, אַרומגערינגלט פון אַ הויכן פּלויט פון ברעטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם פאַרקאַן און זיך פאַרטראַכט. שטיל. ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער וויינט. דאָס וויינען פאַרגייט באַלד אין אַ כליפּען...

זאַנוול האָט פיל נישט געטראַכט, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פאַרקאַן און איז צו צום הייזל.

דאָס פענסטער איז געווען אָפן און באַלויכטן פון לבנה-שיין.

אויף דעם בעטל איז געלעגן רחל אין אַ ווייס נאַכט-העמד.

זאַנוול האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פאַרן ראַם פון פענסטער, איז אַריין אין צימער און מיט אַמאָל געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

רחל האָט זיך אַ לייכטן טרייסל געטאָן, עטוואָס צעעפנט די אויגן און זיי צוריק פאַרמאַכט. באַלד אָבער האָט זי זיך ווי דערמאָנט אָן עפּעס, ברייט צעעפנט די אויגן און האָט אַ שטאַרקן קוויטש געטאָן.

זאַנוול איז בלאַס געוואָרן און זי גענומען איינשטילן, באַרויקן.

— אַרויס! ס'פּאַסט פאַר אַ גנב! ווי נעמט מען זיך די חוצפה

ביינאַכט אַריינצוגנבענען זיך צו אַ מיידל? גייט אַרויס פון דאַנען! באַלד!

זאַנוול האָט דערפילט ווי אַ דונער וואָלט אים דערשלאָגן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, איז גיך אַרויס דורכן פענסטער, זיך פאַרטשעפעט, אויסגעהאַקט אַ שויב און אַ דערשראָקענער געבליבן שטיין לעבן פאַרקאַן. באַלד האָט ער אַ שפיי געטאָן, אַראָפגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און זיך אויסגעדרייט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז רחל שטייט לעבן פענסטער. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קללה און איז אַריבערגעשפרונגען דעם פאַרקאַן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען רופט אים. ער איז נאָכאַמאָל אַרויף אויפן פאַרקאַן, האָט אָבער קיינעם נישט געזען און האָט זיך שטיל אַוועקגעלאָזט איבערן שטאָט.

זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז דער מח פּלאַצט, צעפאַלט אויף שטיקער, און אין די אויערן האָט כסדר געקלונגען: — דאָס פאַסט פאַר אַ גנב! פאַר אַ גנב!

בררר... זיי זיינען אַלע אַזוי! אַז משה קוניאַרזש טרעפט מיך צווישן מענטשן, קען ער מיך נישט, און אַז ער דאַרף מיך, לעקט ער מיך. אַ כאָליערע! כ׳וועל אים די בעבעכעס אַרויסנעמען! יעצט בין איך ביי רחלען אַ גנב, און אַז זי האָט מיך געדאַרפט, בין איך געווען אַ פרינץ! ניין, מער גיי איך צו איר נישט! נישט פאַר אונז חסידישע טעכטער! ניין! גראַדול איז גערעכט געווען: מען טאָר נישט גיין אין צו ווייטע דרכים מיט אַ מויד...

זאַנוול האָט פלוצלינג דערפילט אויף זיין היציק פנים קאַלטע טראָפנס רעגן און האָט זיך אָפגעשטעלט.

איבער דעם הימל איז געלעגן אַ שווערע, פינסטערע כמאַרע. די כמאַרע איז געוואָרן געדיכטער און האָט זיך אַלץ מער און מער אַראָפגעלאָזט איבערן שטעטל.

פון ערגעץ ווו איז אַרויס אַ היימלאָזער הונט מיט דעם עק צווישן די פיס און האָט זיך גענומען רייבן לעבן זאַנוולען. זאַנוול האָט פון פאַרדרוס און כעס דערלאַנגט דעם היימלאָזן הונט אַ שטאַרקן קאָפּע מיטן פוס. דער הונט האָט זיך פאַנאַנדערגעקוויטשעט און איז אַוועק אַ הינקעדיקער. דאָס בילעריי פון דעם הונט האָט עפעס אַזוי



מאָדנע אָפגעקלונגען אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט און אָנגעיאָגט אויף זאַנוולען אַ שרעקלעכן אומעט.

אַ ווייס־פייערדיקער שלאַנג האָט מיט אַמאָל דורכגעשניטן די געדיכטע כמאַרע און ס׳איז נאָך פינסטערער געוואָרן. באַלד האָט זיך געהערט אַ שרעקלעכער קראַך און עס האָט אָנגעהויבן גיסן ווי מיט צעבערס.

זאַנוול איז געשטאַנען גלייך, דער קאָפּ עטוואָס פאַרריסן, דאָס מויל אָפן און דער רעגן האָט געפּאַטשט און געשמיסן איבער זיין פנים. די שווערקייט איז אים ביסלעכווייז אַוועק און ער האָט געפילט ווי עס ווערט אים לייכטער, פונקט ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען און אים געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צו זיין ברענענדן מח. דער רעגן האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד איז ליכטיקער געוואָרן. די כמאַרע, אַ צעשפּאָלטענע, האָט זיך ביסלעכווייז אַוועקגערוקט און אַ קלאָרע, אויסגעוואַשענע לבנה איז אַפערגעשווומען.

זאַנוול האָט דערפילט אַ דורכטרייסלענדע קעלט. ער איז געווען אינגאַנצן נאַס, דורכגעווייקט. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין רעקל, אַראָפגערוקט דאָס היטל און זיך גענומען שפּאַנען דורך די שטילע געסלעך. אונטער דער שטאָט ביי אַ קליין הייזל האָט ער זיך אָפגעשטעלט: דאָרט האָט מאַנקע געוווינט. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך געיִשובט וואָס צו טאָן, האָט אַ שפּיי געטאָן און גיך פאַרשוונדן אין פינסטערן הייזל.

---

## 15

כמעט דעם גאַנצן טאָג נאָך דער התונה איז זאַנוול דורכגעשלאָפן ביי מאַנקען אין בעטל. זי האָט אים עטלעכע מאָל געוועקט, געמאַכט עפעס צו עסן. זאַנוול האָט זיך איבערגעוואָרפן ווי אַ בער סוף ווינטער, עפּעס אויפגעהויבן זיין קודלאַטע קאָפּ, אַ בורטשע גע-

טאָן, אויסגעזופּט אַ שעפּ וואַסער, זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און געטראַכט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי צו באַליידיקן רחלען, זי זאָל עס אויף תּמיד געדענקען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אויסגעפונען אַ מיטל און ער האָט געפּלאַנט ווי אַזוי אים דורכצופירן. זיינע אַלע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט און אַלץ בײַ אים האָט זיך צעשפּילט, געוואַקסן, זיך צעוואַקסן זייער שנעל, דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט אין זיין מוח. און עס זיינען אַלץ נייע און נייע פּלענער געבוירן געוואָרן, איינער בעסער פאַר דעם צווייטן. יעדער נייער פּלאַן, האָט זיך אים געדאַכט, וועט רחלען מער קרענקונג פאַרשאַפן און זי וועט זיין געצוווּנגען אים איבערצובעטן. זי וועט קומען אַזאַ בלאַסע מיט פאַרגעלאָזטע אויגן, וועט זיך אַוועקשטעלן לעבן טיר און שווייגן, און ער וועט זיך מאַכן אַז ער קען זי נישט; ער וועט זיך אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, רעדן מיט זיינע חברים, זי גאַרנישט באַמערקן! און אָט וועט רחל אויפהויבן אירע פאַרוויינטע, שוואַרצע אויגן און אײַנגאַנצן אַ צעשראָקענע וועט זי נעמען גיין צו אים.

זאַנוול האָט דערפילט ווי דאָס האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן און האָט מיט אַמאָל אויסגעגלייכט זיינע פאַרקוועטשטע אויגן, אויפגעשנירלט דעם פאַרקנייטשטן שטערן, עטוואָס געעפנט איין אויג און עפּעס אַ מאָדנע פליג איז אַרויס פון דעם צעעפנטן אויג. די פליג איז געפלויגן, זיך אַרויפגעווידלט; אַ צווייטע האָט זיך נאָכגעיאָגט, איינגעשלונגען די ערשטע און באַלד איז אַ דריטע אַרויס — זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס פאַרלוירן. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם מוח, געטאָן אַ שטאַרקן שווונג, געוואָלט עס כאַפּן. מיט אַמאָל האָט עפּעס אַ פּלאַץ געטאָן און ער האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן אין בעטל. ער האָט צעעפנט ברייטער די אויגן, זיך דערמאָנט, אַז ער ליגט בײַ מאַנקען, אַז רחל האָט אים אַרויסגעיאָגט, ווי מען טרייבט אַרויס אַ הונט, — האָט ער פון פאַרדראָס איינגעקוועטשט די פויסטן און אַ שטאַרקן רעווע געטאָן.

— שלאָף נאָך אַ ביסל! קיין עין הרע אַ שלאָף! ווילסט עפּעס זאַנוול? — האָט מאַנקע אים געפרעגט.

— אַ טרונק!



— ווי גיסט דאָס אַ מענטש אַזויפיל וואַסער אין זיך אַריין?! האָסט דאָך נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט!

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע שעפּ וואַסער מיט איין צי, זיך אויסגעצויגן מיט דעם פּנים צום סופיט און זיך צעגענעצט. אים האָט זיך געוואָלט כאָטש שוין פאַרלאָזן די שטאָט, אָנזאָטלען אַ פערד און אַוועקפּאַטשן אין דער ווייטער וועלט אַריין... ער האָט געפילט, אַז אויב ער וועט בלייבן אין שטאָט, וועט ער אָפּטאָן די געפערלעכסטע זאַכן, און יעדעס מאָל איז אים אַרויסגעשווומען עפּעס אַ שוידערהאַפטע בילד, פאַר וועלכן ער איז געוואָרן אַן אויפגעציטערטער.

וווּהין פאָרט מען? — ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט טראַכטן. עס איז געווען צוויי טאָג פאַרן לויוויטשער יריד. ער האָט באַשטימט זיך אויפצוהויבן, אַריבער צו גראַדולן און נאָך היינט בייַנאַכט אַוועק נאָך לויוויטש. דאָרט וועט ער זיך געוויס אָן אַלעם פאַרגעסן.

זאַנוול האָט גענומען שרייבן אין געדאַנק אַ בריוו צו רחלען. דער בריוו האָט זיך בײַ אים אין מוח זייער פליסיק געשריבן. אַלץ איז אַזוי גלאַטיק אַרויס און די בוכשטאַבן האָבן זיך עפּעס אַזוי צעוואָקסן, אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע, כאָטש נעם און טאַפּ זיי אָן. און אָט האָט זיך באַוויזן רחל מיט די דינע פאַרקוועטשטע ליפּן און אינגאַנצן אַזאַ צעטראָגענע, האָט געהאַלטן זיין בריוו און פון די אויגן האָבן געקאַפּעט טרערן.

זאַנוול האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז ער קען נישט שרייבן און האָט פון גרויס פאַרדרוס אַ שפּיי געטאָן גלייך אין סופיט אַריין.

— מאַנקע, מיר דאַכט זיך, אַז דו קענסט שרייבן?

— כ'האָב אַמאָל געקענט. וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?

— שרייב מיר אַ בריוו.

— צו וועם?

— דאָס וועסטו שפּעטער זען! זעץ דיך און שרייב!

מאַנקע האָט אויפגעזוכט אַ בייגעלע פּאַפּיר, אַן אַלטן פאַרשטויבטן טינטער און זיך אַוועקגעזעצט. זאַנוול האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ באָרוועסער זיך אַוועקגעזעצט לעבן טישל.

— נו, צו וועם גייט דער בריוו ? — האָט מאַנקע זיך געפרעגט און איינגעטונקט די פעדער. — כ׳מיין וואָס פאַר אַ טיטול ?

זאַנוול האָט באַלד נישט געענטפערט, געקלערט אַ ביסל :

— אָן אַ טיטול !

— וואָס הייסט אָן אַ טיטול ? וואָס פאַר אַ משוגענער שרייבט אַ בריוו אָן אַ טיטול ? אַ טיטול מוז זיין !

זאַנוול איז געוואָרן בייז.

— „כלאָפ סוואָיע, אי פּאָפ סוואָיע !“ מען זאָגט דיר אָן אַ טיטול, איז אָן אַ טיטול !

— אַלץ גוט, זאַנוול. לאָז זיין אָן אַ טיטול. בין איך ווייטער בדלות ! אָבער צו וואָס זיינען די געשרייען ? נו, בקיצור ? —

ביי זאַנוולען אין מח איז עפּעס געוואָרן אַ מיש־מאַש, עס האָט זיך ביי אים אַלץ פאַרדרייט מיט די פיס אַרויף. דער פליסיקער בריוו, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אָנגעשריבן אין געדאַנק, איז מיט אַמאָל אַרויס פון מח. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, געריבן מיט זיין גרויסע האַנט איבער דעם שטערן. נאָר — גיי טו עפּעס, אַז דער מח איז פוסט !

— נו ? — האָט זיך מאַנקע צעשמייכלט.

— איין רגע, מאַנקע ! גלויב מיר, דער בריוו ליגט מיר אויף דער שפּיץ צונג. נאָר, פאַרשטייסט, כ׳האָב ליב, אַז אַ בריוו זאָל זיין געשריבן גלאַטיק, ער זאָל זיך לעזן ווי אשרי. אָט איז ער ! שרייב ! „כ׳האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צווישן אונז וועט דאָס פּאַסירן, וואָס עס האָט נעכטן פּאַסירט“.

דאָ האָט זיך זאַנוול אָפּגעשטעלט, געקוקט ווי מאַנקע האָט איינגעקוועטשט די פעדער מיט אירע דינע פינגער. זי האָט געשריבן פּאַמעלעך, יעדע ווײַלע איז זי אַראָפּ פון דער ליניע און די בוכשטאַבן זיינען אַלע געווען עפּעס אַזוי מאָדנע צעדרייט. זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז מאַנקע שרייבט גאָר נישט, נאָר זי מאָלט פייגל. ער האָט באַמערקט ווי מאַנקעס פּנים איז געוואָרן ערנסטער, האָט זיך עטוואָס פאַררויטלט און יעדעס מאָל ווען זי האָט געמאַכט מיטן פעדער אַ בוכשטאַב, פלעגט זי אין דער זעלבער צייט מאַכן דעם בוכשטאַב מיט דער צונג, דאָ אויף איין באַק, דאָ אויף דער צווייטער



זאַנוולען איז דאָס שרייבן מיט דער צונג זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו ?

— אַז דו שרייבסט שענער מיט דער צונג ווי מיט דער פעדער !

— ס׳געפעלט דיר נישט ? איז נישט געפידלט ! — האָט זיך מאַנקע צעלאַכט. — נו, פאָר ווייטער !

זאַנוול האָט גענומען קלערן און האָט בשום אופן מער נישט געקאָנט צוטראַכטן. יעדעס מאָל ווען עס איז אים עפּעס געקומען אין געדאַנק אַריין, האָט ער עס נישט געקאָנט אויסדריקן אין ווערטער און עפּעס אַנדערש האָט עס פאַריאָגט. זאַנוול איז בייז געוואָרן, גע־כאַפּט דאָס בייגעלע פּאַפּיר און צעריסן.

— אַ כאָליערע ! כ׳שרייב נישט מער ! אַז מען קען אַליין נישט שרייבן איז עס גוט אויף טויזנט שאָק כפרות !

— וואָס איז מיט דיר היינט, זאַנוול ? ווי כ׳זע מאַכסטו באַצייטנס תמוז ! און צו וועמען ווילסטו דאָס שרייבן ?

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, דורכגעשפּאַנט עטלעכע מאָל אַ באָרוועסער די שטוב און זיך גענומען אויף גיך אָנטאָן.

— וווּהין גייסטו ? — האָט אים מאַנקע געפרעגט.

— צו גראַדולן.

— וועסט זיך לאַנג זוימען ?

— כ׳ווייס נישט ! — האָט זאַנוול געענטפערט און איז אַרויס פון שטוב.

———————

## 16

אַז זאַנוול איז אַריין צו גראַדולן, האָט ער דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. פון דער קיך האָט זיך אָבער באַלד דערהערט ביילקעס קויל:

— ווער איז דאָרט ?

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, איז גלייך צו צו די פאָרהאַנגען, זיי לייכט פאַנאַנדערגענומען און אריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

ביילקע, אַ באָרוועסע, אָן אַ בלוזקע, דאָס קורצע געשטרייפטע אונטער-קליידל אַריינגעמאַכט צווישן די פיס, איז געשטאַנען לעבן אַ קליינע בלעכענע באַליע און געוואַשן. איר קליינער קערפּער האָט זיך געבויגן אין פאַרשיידענע ליניען, דער לאַנגער צאָפּ האָט זיך לייכט באַוויגן. זאַנוול האָט זיך זאַט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די קליינע, בדוינע פיסלעך און ביי יעדן בויג פון ביילקעס קערפּער האָט ער געפילט אַ חשק זי אַרומצונעמען. ער האָט אַ הוסט געטאָן.

ביילקע האָט אויפגעהערט וואַשן און האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט דערזען זאַנוולען, פאַרדעקט דאָס האַרץ מיט אירע קליינע הענטלעך און זיך פאַרשעמט.

זאַנוול האָט זיך צעלאַכט און איז צוריק אַריין אין צימער אַ צופרידענער. ביילקע איז באַלד אַריין אין אַ ווייסע גאַבּרעלע מיט שוואַרצע אייגעלעך, דער צאָפּ אַריבערגעוואָרפן פון פאָרנט און אויף די באָרוועסע פיס אַ פּאָר אויסגעהאָפטענע שטעק-שיכלעך.

— בנאמנות, כ׳האָב געמיינט ס׳איז גראַדול, — האָט ביילקע געזאָגט מיט אַ שמייכל. — ווען זאָל דאָס איינפאַלן, אַז איר וועט היינט צו אונז קומען? וואָס שטייט איר, זאַנוול? זעצט אייך. איר וועט דאָך מיר געוויס אַנטשולדיקן — האָט זיך ביילקע צעשמייכלט, עטוואָס אויפגעהויבן אַ פיסל, אָנווייזנדיק זאַנוולען אויף איר קאָסטיום.

זאַנוול האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון ביילקען און געפילט ווי ער ווערט אַן אָנגעצונדענער.

— אַ שיינער מענטש זיינט איר! — האָט ביילקע ווייטער גערעדט און אָנגענומען זאַנוולען פאַר דער האַנט. — פאַר וואָס האָט איר מיך נעכטן אָוועקגעטריבן, האַ? שעמט אייך, זאַנוול! דערנאָך, אַז איך בין נאָך אַמאָל אַרויס, זיינט איר שוין נישט געווען. ווו זיינט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן?

זאַנוול איז געשטאַנען, געקוקט ביילען אין די אויגן, געפילט ווי די האַנט וואַרעמט, בריט, צינדט אין אים אָן אַ פייער, און ער האָט זי מיט אַמאָל אַרומגענומען און אויפגעהויבן. ער האָט געפילט ווי עפּעס האָט זיך געבויגן, געצאַפּלט אין זיינע הענט, ווי די לייכטע פאָלעס פון



דער גאַבּרעלע זיינען זיך צעפלויגן, אים איינגעוויקלט און ער האָט באַמערקט אַ ווייס שלייפל פון איר לייבל. ער האָט זי נאָך שטאַרקער אַרומגעקלאַמערט, צוגעפרעסט זיינע ליפּן צו אירע. באַלד האָט ער זי אָפּגעלאָזט, זיך פאַרשעמט. ער איז צו צום פענסטער און גענומען כאַפּן אַ זשומעדיקע פליג אויף דער הייסער שויב.

— ווו איז ערגעץ אייער גראַדול? — האָט זאַנוול געפרעגט אַרויסקוקנדיק.

— ער איז אַריבער צום שמיד, — האָט ביילע געענטפערט. — איר ווייסט? גראַדול קלייבט זיך דאָך צו פאָרן נאָך לוויוויטש אויפן יריד. אָט גייט ער!

גראַדול איז אַריינגעקומען מיט אַן אייזערנע הענטשקע אין דער האַנט:

— שלעכט, גוטער ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט, פאַרקאַטשעט דאָס היטל און זיך גענומען קראַצן. — דו האָסט עפּעס אַ צו גוט לעבן מיט מיין ביילען!

זאַנוול איז רויט געוואָרן, זיך נאַריש צעשמייכלט.

ביילע האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַריינגעמאַכט די גאַבּרעלע צווישן די פיס, פאַרלייגט איין פוס אויף דעם צווייטן און געזאָגט האַלב פאַרשייט:

— פאַרוואָס דען נישט? אויף מיר געזאָגט, ווי אַ שיינער בחור זאַנוול איז!

— דו ווייסט צו וואָס איך בין געקומען? — האָט זיך זאַנוול אָנגערופן, — כ׳וויל זיך אַריבערכאַפּן קיין לוויוויטש.

— טאָ לאָמיר פאָרן צוזאַמען! — האָט גראַדול געזאָגט, — כ׳קלויב זיך דאָך אויך. ס׳איז דאָך מיר שוין נמאס געוואָרן צו זיצן אין דער היים! כ׳געדענק שוין נישט די צייט ס׳זאָל זיין עפּעס אַ שטאָך אַרבעט, און צו זיצן און עסן פון גרייטן איז גאָר קיין תכלית נישט! אַ שמאַלץ-גרוב שעפּט זיך אויך אויס!

— ווער פאָרט גאָך? — האָט זיך זאַנוול געפרעגט.

— כ׳ווייס — — — כ׳האָב געזאָלט פאָרן מיט משהלע ביק, נאָר יעצט ווען מיר פאָרן זאַלבע-דריט. בנאמנות, כ׳בין צופרידן

וואָס דו פאַרסט מיט. כ'וואָלט געהאַט פאַראיאָרן אַזאַ שותף ווי דו וואָלט איך געמאַכט אַן עשירות.

— בקיצור, ווען רעכנסטו צו פאָרן? — האָט אים זאַנוול איבער־געשלאָגן.

— נאָך היינט! — האָט גראַדול געענטפערט.

— גוט! גיי איד טאקע אַהיים זיך צוגרייטן צו דער יאַזדע.

---------

## 17

פון גאַנץ פוילן זיינען אָנגעקומען נאָך לוויוויטש פאַרטיעס סוחרים, מחנות פויערים, סטאַדעס בהמות, פערד, חזרים.

די שמאָלע גאַסן זיינען געווען נישט דורכצוגיין. די וועגן מיט די בריטשקעס האָבן זיך געצויגן ביז הינטער דער שטאָט אַרויס און פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען, ווי דאָס שטעטל וואָלט געווען באַלאַגערט פון אַ האַלב וועלדן שונא, וואָס איז מיט אַמאָל אָנגעפאַלן מיט זיין גאַנצן האָב און גאָב, פאַרשטעלט אַלע וועגן און זיך געריסן מיט אויפטרייסלענדע קולות אין שטאָט אַריין.

זאַנוול מיט זיינע חברים זיינען באַלד אין דער פרי אַרויס אויפן יריד, זיך אַרומגעדרייט, באַקוקט יעדע זאַך און אַ שטיק נאָכמיטאָג זיינען זיי אַרויס אויפן פערד־מאַרק.

דער גאַנצער פערד־מאַרק האָט אויסגעזען ווי אַ לאַגער, וואָס ריכט זיך אין וועג אַריין. אַרום מאַרק זיינען געשטאַנען וועגן, בריטש־קעס. די פערד אויסגעשפאַנט, אַריינגעשטעלט צווישן די דישלעס, די סוחרים זאָלן זיי קאָנען אָנקוקן. אין מיטן מאַרק זיינען געשטאַנען פריצישע סטאַדעס פערד. פון איין סטאַדע צו דער צווייטער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער וועג, ווו מען האָט די פערד פרובירט אין לויפן.

מען פירט אַרויס אַ פערד פאַרן סוחר. דער סוחר באַטראַכט,



קוקט דאָס אַריין אין מויל, קוועטשט דאָס ביים האַלז — ס'פערד צע־ניסט זיך, אַ שייגעץ לאָזט זיך מיט דעם לויפן איבערן וועג.

זאַנוול איז דורך דעם מאַרק, געוואָרפן רעכטס און לינקס מיט בליקן, געפילט זיך היימיש צווישן די פערד.

אַ יינג איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַ קאָש בלעכענע הענער. דער יינג האָט געהאַלטן אַ האָן אין מויל און האָט געקרייט. זאַנוול האָט זיך געקויפט אַ האָן, גענומען קרייען. באַלד איז עס אים אָבער נמאס געוואָרן, עס אַוועקגעוואָרפן.

אַ ברייט־בייניקער יינג, מיט אַ קאָסע אויג און מיט אַ צעשמאָל־טענעם דאַשעק, האָט זיך שפּאַצירט איבערן מאַרק, געהאַלטן די הענט אין די הויזן־קעשענעס און ווי געזוכט עמעצן.

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר, ווער מען כ'זע! וואָס טוסטו דאָ, זאַנוול?

— הא, האַ, האַ! — האָט זאַנוול אויסגעשאָסן און זיך אַרומ־געכאַפּט מיט קישקען — און איך האָב גערעכנט, אַז דו זיצסט אין שער־הרחמים?

קישקע האָט נישט געענטפערט, געוואָרפן אַ בליק פון אויבן אַראָפּ אויף זאַנוולס חברים, אויסגעשפּיגן, אָנגענומען זאַנוולען פאַר די אָרעמס, אים אָפּגעפירט אין אַ ווינקל:

— ווילסט אָפּלעקן אַ ביינדל?

— אַ שאלה!

— טאָ הער — האָט קישקע שטיל געזאָגט — נישט ווייט שטייט אַ פויער מיט פינף סוסים ווי די לייבן. אויב ס'עסק זאָל גיין ביים גלייכן, וועלן מיר אַרום צען ביי נאַכט האָבן די ממתקים.

זאַנוול איז באַשטאַנען, צוגערופן גראַדולן מיט משהן און זיי האָבן גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן.

ביי אַ בריטשקע איז געשטאַנען אַ יונגער פויער, געהאַלטן אַ ווייצן ברויטל אונטערן אָרעם, געבראָכן שטיקער און מעלה־גרה געווען.

הינטער אים זיינען געשטאַנען פינף שיינע פערד. זאַנוול איז האַרט פאַרבייגעגאַנגען דעם פויער און אים אַ טרעט געטאָן מיטן גאַנצן כח אויפן פוס. דער פויער האָט געכאַפּט זאַנוולען מיטביידע

הענט און אים אַ שלײדער געטאָן פֿון זיך. זאַנוול האָט זיך אָנגעשפּיגן אין די הענט, פֿאַרקוועטשט די פֿױסטן און זיך געוואָרפֿן אױפֿן פֿױער.

בײַם ערשטן קלאַפּ איז דער פֿױער געלעגן. ער האָט זיך געוואָלט אױפֿהײבן, נאָר זאַנוול האָט אים אַ פּלאַם געטאָן מיט דער פֿױסט צווישן די אױגן, אַז ער האָט זיך איבערגעדרײט.

באַלד זײַנען אָנגעקומען פֿױערים מיט ייִדן פֿון אַלע זײַטן. פֿון די וועגן האָט זיך געטראָגן: — שלאָגט דעם זשיד, די הינטישע נאמנה, שלאָגט!

גראַדול מיט קישקען האָבן דערווײַל אָפּגעבונדן די פֿערד און זײַנען שטילערהײט אַוועק מיט דרײַ. די איבעריקע האָט משהלע געהיט ביז נאָכן געשלעג. און ווען די פֿױערים האָבן שוין געהאַלטן אין שלום מאַכן, האָט משהלע אַ יאָג געטאָן די פֿערד אין אַ צווײטער זײַט. די פֿױערים האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך די אַנטלאָפֿענע פֿערד. זאַנוול מיט משהן האָבן דערווײַל אָפּגעצויגן.

---------

## 18

שפּעט בײַ דער נאַכט איז זאַנוול געזעסן אין אַ שענק מיט אַ חברה פֿערד-הענדלער און געטרונקען.

— חברה, לאָמיר גאָר אַריבערפֿאָרן אין דער „וויקטאָריע“ אַרײַן — האָט גראַדול אַ געשרײ געטאָן און זיך צעפּײפֿט.

— אין דער „וויקטאָריע“ אַרײַן! — האָבן עטלעכע אונטערגעכאַפּט האַלב שכּור און אַרויס אויף דער גאַס.

— נאָר זעט, חברה, פֿאַרהוליעט זיך נישט! — האָט קישקע געזאָגט, — מאָרגן נאָכמיטאָג איז דאָ אַ נײַ שטיקל אַרבעט.

זײ האָבן געכאַפּט אַ קאָטש, זיך אַרײַנגעוואָרפֿן און געהײסן פֿאָרן צו דער „וויקטאָריע“. דער דראָזשקאַר האָט מיט חשד געקוקט



אויף די געסט, זיך געקווענקלט, אויס געשפּיגן און גענומען טרײַבן די פֿערד איבער די הינטערגעסלעך.

די חברה זײַנען אַרײַן אין קאַנטאָר פֿון דער וויקטאָריע מיט אַ געפּילדער. אונטער אַ בופֿעט איז געשטאַנען אַ יונגע בלאָנדינקע פֿון אַ יאָר נײַנצן, שײן פֿאַרקעמט מיט אַ דעקאָלטירט, ווײַס האַרץ און געשמועסט מיט אַ דיקן מאַן אין אַ פּאָר ברײטע הויזן אין פּאַסן מיט אַ ווײַסע פּיקענע וועסט, אויף וועלכער עס האָט געהאָנגען אַ גאָלדענע קײט.

די בלאָנדינקע האָט באַמערקט זאַנוולס בליק, ווי ער שלינגט זי מיט די אויגן, האָט זי אַ שמײכל געטאָן און אים אָנגעקוקט — זיך געשפּילט, ווער עס וועט אויסהאַלטן דעם צווײטנס בליק. מיט אַמאָל האָבן זיך אירע ווײַסע באַקן גענומען ציגדן, זי האָט אַ ציטער געטאָן, אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן מיט די לענגלעכע ברעמען, צוגענומען די פּאַפּירלעך, וואָס זאַנוול האָט געלאָזט ליגן אויפֿן טיש און אַ געשרײ געטאָן:

— איגנאַץ, פֿיר אַרײַן די געסט אין זאַל!

פֿון אַן אַלקער איז אַרויס אַ שײגעץ אין אַ פֿראַק, האָט זיך פֿאַרנײגט פֿאַר די געסט און זײ אַרויפֿגעפֿירט. דער זאַל איז געווען אויסגעקלעפּט מיט גרינע טאַפּעטן. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען פֿרויען אין פּיקאַנטע פּאָזן. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַן עלטערער מאַן מיט אַ פֿליך און געשפּילט פּיאַנאָ. אַרום דעם זאַל האָבן זיך געצויגן בענק אויסגעבעט מיט גרינעם פּליוש, דאָ און דאָרט בײַ מאַרמאָרנע טישלעך זײַנען געזעסן בחורים מיט מײדלעך און געטרונקען. איבערן זאַל האָבן אַרומגעשפּאַצירט שורותווײַז יונגע מײדלעך מיט שיקסעס אין קורצע זײַדענע קלײדער. די קלײדער זײַנען געווען דורכזיכטיק און האָבן רײצנד אָפּגעשפּיגלט די געטאָקטע מײדלשע קערפּערס ביז איבער די לידקעס. צווײ מײדלעך האָבן געטאַנצט, לײדנשאַפֿטלעך אָפּערגעוואָרפֿן טײלן פֿון זײערע קערפּערס, געוווּנקען מיט די טיפֿע אויגן, און זײערע לײַבער האָבן אָפּגעשריגן פֿון אונטער פֿאַרשײדענע קאָלירטע טיולן.

די מײדלעך האָבן אונטערגעהאַלטן די געסט מיט קופּלעטן,

זיך געסטאַרעט זיי זאָלן וואָס מער געבן צו ל־ײַען און דערנאָך זיי־
נען זיי פאַרשוואונדן אין זייטיקע צימערלעך.

זאַנוויל מיט די חברים זיינען אַריין, זיך אַרומגעקוקט, דערזען
דאָ און דאָרט באַקאַנטע, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ ווינקל טישל און
באַשטעלט עטלעכע פלעשער שאַמפּאַן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן
מיידלעך, טאַנצנדיק און זינגענדיק, צו זאַנווילס טישל. זאַנוויל האָט
זיי אַלע באַטראַכט און קיין איינע איז אים נישט געפעלן. עס איז
אים נישט אַרויס פון קאָפּ די בלאָנדינקע, וואָס איז געשטאַנען אונ־
טערן צאָל־באַנק. ער האָט באַמערקט, אַז זי איז עטלעכע מאָל דורך
דעם זאַל, וואַרפנדיק אויף אים „אייגעלעך" און איז צוריק אַרויס.
זיינע חברים האָבן זיך באַלד אויסגעקליבן מיידלעך און יעדער פון
זיי איז פאַרשוואונדן. זאַנוויל איז געבליבן איינער אַליין ביים טישל.
לעבן אים זיינען געשטאַנען עטלעכע מיידלעך מיט דער בלאָנדינקע
אין דער מיט און זיך געשושקעט.

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם יאָלד! — האָט געזאָגט אַ מויד
מיט אַ פאַרריסן נעזל ווי ביי אַ מאָפּסיק — זיך אַוועקגעזעצט ווי אַ
הון אויף די אייער! ווער עס קומט צו שיקט ער אַוועק! און געלט,
ווייזט אויס, האָט ער ווי קרח! ער צאָלט פאַר זיינע חברים.

— אַודאי אַ כניאָק — האָט זיך אָפּגערופן אַן עלטער מיידל
און זיך צעלאַכט.

— געטראָפן ס׳אָרט — האָט זיך די בלאָנדינקע אַריינגעמישט —
ער זעט שוין גאָר נישט אויס ווי אַ יאָלד! די צרה איז, וואָס איר
טויגט אויף כפרות. אָט ווייז איך אייך, כ׳גיי צו, און דער בחור
לויפט מיר נאָך ווי אַ לעמעלע.

— וועט מען טאַקע זען — האָבן זיך עטלעכע מיידלעך אָפּגע־
רופן מיט אַמאָל.

זאַנוויל האָט זיך צוגעהערט צו דעם גאַנצן שמועס, האָט חרטה
געהאַט צוואָס ער איז אַהער געקומען, געוומען קלערן עפּעס אַזעלכס,
פון וואָס די בלאָנדע זאָל זיך באַליידיקן.

— פאַניע „עקס", וואָס זיצט איר עפּעס אַליין און דערצו אַזוי
טרויעריק? — האָט געזאָגט די בלאָנדינקע און זיך געזעצט לעבן
אים.

זאַנוויל האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז עס איז נישט איר באַבעס
דאגה, זיך באַגעגנט מיט אירע חן־גריבלעך און זיך פאַרלוירן:

— כ׳ווייס — — — —

— נאַרישקייטן! — האָט די בלאָנדע געזאָגט און אַרויפגעלייגט
איר האַנט אויף זאַנווילס קני — מען קלייבט זיך אויס אַ שיין מיידל
און מען פאַרברענגט. אָט אייערע חברים אַמוזירן זיך אויפן בעסטן
אופן. אויב די „וויקטאָריע" וועט אייך נישט העלפן, וועט אייך שוין
קיין דאָקטאָר נישט העלפן! — האָט די בלאָנדינקע זיך צעלאַכט.

— ביילקעס גענג! — האָט זיך דורכגעוואָרפן זאַנווילען אין מח.
ער האָט פאַרגעסן אין אַלעם און בשעת מעשה חשק געהאַט זי אַרומ־
צונעמען.

— און אַז כ׳וועל זיך אויסקלויבן אייך? — האָט זאַנוויל געזאָגט
מיט אַ שמייכל.

די בלאָנדע האָט זיך אויך צעשמייכלט און איז באַלד ערנסט
געוואָרן.

— וואָס דאַרפט איר אַ פאַרהייראַטע פרוי, קנאַפּ מיידלעך זיי־
נען דאָ פאַראַן? איר ווילט מיין „אַלטער" זאָל זיך מיט מיר גטן? —
און זי האָט זיך צעלאַכט.

זאַנוויל האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּגעפּאַטשטער און האָט גאָר־
נישט געענטפערט. מיט אַמאָל האָט ער דערפילט ווי זי נעמט אים
אָן פאַר דער האַנט.

— הערי, פאַניע „עקס", פאַרברענגט דאָ דערווייל, און אויב עס
וועט נאָר מעגלעך זיין — — האָט זי זיך רייצנד צעלאַכט, אַ שאָקל
געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויס פון זאַל.

זאַנוויל האָט געטרונקען אַ פלעשל נאָך אַ פלעשל. עטלעכע מאָל
איז גראַדול אַ האַלב־שכורער אַריין אין זאַל אַרומגעכאַפּט זאַנווילען.
אים גענומען קושן און שלעפּן צו זיך אין נומער אַריין. זאַנוויל איז
געזעסן און געטרונקען. ער האָט געפילט ווי די גלידער ווערן אים
אַלץ שווערער און שווערער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. אַ שטיק אין דער
נאַכט איז צו אים צו דער קעלנער, אַרויפגעפירט אויפן דריטן שטאָק,
געעפנט אַ טיר און אים אַריינגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ קליין פיר־
עקיק שטיבל מיט ראָזע טאַפּעטן. אַ קליין לעמפּעלע מיט אַ ראָזן

אַבֿאַזשור איז געשטאַנען אויף אַ ווינקל־טישל און געוואָרפֿן אויף אַלץ אַ ליידנשאַפֿטלעכן שיין. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ גרויס הילצערן הימל־בעט מיט ראָז־זיידענע פֿאָרהאַנגען, מיט דריי טרעפּלעך אַרויפֿצוגיין. דאָס שטיבל האָט געשמעקט מיט פּערפֿום און פּרויען־ריח.

זאַנוול איז געבליבן שטיין ווי פֿאַרכּישופֿט, ברייט צעעפֿנט די אויגן און גאָרנישט געזען. ער האָט באַמערקט ווי אַ ווייסע האַנט באַווייזט זיך אין דער לופֿט און רופֿט אים. אויף אַ פּליושענע אָטאָמאַנע אין דער פֿאָרם פֿון אַ לייב איז געלעגן די בלאָנדע אין אַ ראָז־זיידענעם שלאָפֿראָק, אין אַ פּאָר זילבער־געהאָפֿטענע שטעק־שיכלעך. זאַנוול האָט געפֿילט בשעת מעשה ווי אַלץ ביי אים שטאַרבט אָפּ און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער חלומט.

זי האָט אויסגעשטרעקט איר געטאָקטע האַנט און די פֿינגער האָבן אַ בליץ געטאָן מיט אַ ים גרין־רויטלעכע פֿייערן. דאָס האָט זי אים געוויזן אויף אַ קליין אויסגעבעט פּוסן־בענקל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער אָטאָמאַנע. זאַנוול האָט זיך לייכט אַראָפּגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און נאָך לייכטער אָפּגעעטעמט.

— ביסט צופֿרידן? — האָט די בלאָנדינקע געפֿרעגט מיט אַ שמייכל און לייכט צעעפֿנט אירע דינע ליפּן, אַ בלישטשע טוענדיק מיט אירע ווייסע ציין.

זאַנוול איז ווי פֿאַרשכּורט געוואָרן פֿון איר, ער האָט לייכט אָנגענומען איר האַנט און זי גענומען קושן.

— גלויב מיר — האָט די בלאָנדינקע שטיל גערעדט — אַז כ'האָב דיך נאָר דערזען, ביסטו מיר געפֿעלן געוואָרן. איך בין דאָך עטלעכע מאָל אַרויף אין זאַל דיך אָנקוקן. ווער ביסטו?

די לעצטע פֿראַגע האָט זאַנוולען עטוואָס צערודערט. נאָר ער האָט לאַנג נישט געקלערט און געענטפֿערט:

— דער פֿירער פֿון די ראַדזועגאָווער גזלנים.

די בלאָנדע האָט עטוואָס ברייטער צעעפֿנט אירע בלויע אויגן און ווי אַ דערשראָקענע סאַרנע האָט זי אים געפֿרעגט:

— ביסטו אויך אַ גזלן?

— איך בין זייער קיסר.

— און איר ווילט טאַקע אין די וועלדער?



— געוויס! אין אַ גרויסער הייל אונטער דער ערד!

— און עס איז אייך נישט קאַלט?

— נו, און אַז עס איז קאַלט, ברעכט מען אָןביימער, מען צעלייגט פֿייערן און מען וואַרעמט זיך — — —

— אַזוי — — —

די בלאָנדע האָט זיך פֿאַרטראַכט, שפּילנדיק זיך מיט איר זיידענעם צאָפּ און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען עפּעס אַזוי קינדיש — —

— און דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל זיין דיין מיידל? — האָט די בלאָנדינקע אים געפֿרעגט מיט אַ געלעכטער.

— געוויס... — האָט זיך זאַנוול צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

זאַנוול האָט בשעת מעשה געקוקט אויף איר געטאָקטע האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דעם ראָז־זיידענעם שלאָפֿראָק. די דורכזיכטיקע ווייסקייט פֿון דער האַנט מיט די צעוואָרפֿענע נעץ פֿון בלוילעכע זיידן־פֿעדים האָבן זאַנוולען פֿאַרשכּורט.

---

פֿאַרטאָג האָט זיך זאַנוול אויפֿגעכאַפּט אַ מידער, זיך אויסגעטשוכעט און זיך אַרומגעקוקט.

אויף אַ וויגשטול איז געזעסן די בלאָנדינקע אין אַ גרין־זיידענער גאַברעלע, אייננורענדיק איין באַק אין די ווייסע וואָל פֿון אַ קליין הינטל.

— ס'איז נאָך פֿרי! וואָס איילט איר זיך! — האָט די בלאָנדינקע געזאָגט מיט אַ שמייכל, זיך אויפֿגעשטעלט און גענומען גיין צו האַלדזן מיטן הינטל אויף דער האַנט.

זאַנוולס פֿאַרלאָפֿענע אויגן האָבן זיך אויף איר געקוקט מיט אַ מאָדנעם ערנסט.

— וואָס, איר זייט ברוגז? — האָט די בלאָנדינקע זיך צעשמייכלט און אַ שעלמישן וואָרף געטאָן דאָס הינטל אויף זאַנוולען.

דאָס הינטל האָט אַ קוויטש געטאָן און אַראָפּגעשפּרונגען

— וואָס פאַלט אייך איין ? — האָט זאַנוול געענטפערט, אָנגעכאַפּט די בלאָנדינקע פאַר דער האַנט און בשעת מעשה דערפילט, ווי אַלץ אין אים שפּאַרט אין מח אַריין.

דאָס הינטל האָט זיך גענומען וואָרפן מיט אַ בילעריי אויף זאַנוולען. די בלאָנדינקע האָט געכאַפּט דאָס הינטל פאַר די אויערן און מיט אים אַרויס פון צימער.

זאַנוול איז געבליבן אַליין, דערפילט ווי אַלץ ביי אים ווערט אָפּגעקילט, נעמט פאַרגליווערט ווערן, פרירט. ער האָט געפילט פון זיינע הענט איר לייב און גענומען זיי רייבן איינע אין די אַנדערע, האָט גרויס חשק געהאַט צו צעברעכן איר בעט, צערייסן די ראָזע־ זיידענע פאָרהאַנגען. באַלד איז די בלאָנדינקע לייכט אַריין, פאַרשליסנ־ דיק נאָך זיך די טיר.

זאַנוול האָט באַמערקט אירע קליינע, ווייסע פיסלעך און ווידער אָן אַלעם פאַרגעסן.

---

זאַנוול איז אַרויס פון דער „וויקטאָריע" צוזאָגנדיק, אַז ער וועט ביינאַכט ווידער קומען. ער האָט גיך דורכגעשפּאַנט עטלעכע געסלעך און אַ מידער איז ער אַריין אין זיין נומער.

זיינע חברים זיינען נאָך געשלאָפן אין די קליידער. זאַנוול האָט אַריבערגעוואָרפן דאָס ליילעך איבערן קאָפּ, זיך איינגעוויקלט, עטלעכע מאָל אָפּגעזיפצט און איינגעשלאָפן.

אַרום האַלבן טאָג האָבן אים די חברים געוועקט.

— קריך אַרויס — האָט גראַדול געשריגן און אים געצויגן פאַר אַ פוס — קישקע וואַרט שוין אויף אונז!

זאַנוול האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, דערפילט אַ שרעקלעך פייער אין גאַנצן קערפּער, אַ ריס אַרויס געטאָן דעם פוס און זיך צע־ ברומט:

— כ'גיי נישט!

— וואָס הייסט, גייסט נישט? — האָט גראַדול אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

זאַנוול האָט נישט געענטפערט.



— נו? — האָט אים גראַדול ווידער געמונטערט.

— ברעך הענט און פיס! — האָט זאַנוול מיט כעס אויסגעשריגן און זיך אויסגעדרייט.

— רייס זיך נישט! — האָט גראַדול בייז געענטפערט און גע־ גאַנגען צו דער טיר. — און אויב עס ברענט, לעקט מען אַ קאַץ!

זאַנוול איז געלעגן אַ צעבראָכענער, די פיס זיינען געווען שווער און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע גלידער זיינען צעשרויפט, וואַקלען זיך און קנאַקן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט איבער־ ציען, נאָר די גלידער האָבן נישט געדינט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין קישן און געבליבן ליגן ווי אַ שטיק ליים. פאַר אים איז דורך ווי אין חלום דער גאַנצער געכטיקער אָוונט. ער האָט נאָך יעצט געפילט אויף זיינע ליפּן אירע הייסע קושן, האָט עטלעכע מאָל צוגע־ שטעקט די פינגער צו זיינע ליפּן — אים האָט זיך אויסגעדאַכט ווי ער טאַפּט אָן דעם קוש, און האָט מיט אַמאָל דערפילט ווי זיינע מוסקולן ציען זיך צוריק אָן, ווערן נאָך שטאַרקער ווי פריער.

עטלעכע מאָל איז אים דורך אין מח רחל. אָבער ער פלעגט נאָר מאַכן אַ גרימאַסע מיטן פּנים, גלייך ער וואָלט איינגעשלונגען אַ ביטערן פּיל און ווידער געטראַכט וועגן דער בלאָנדער.

— ער וועט קומען מיט דער בלאָנדער אַהיים, גיין מיט איר גע־ אָרעמט ווי אַ שׂרה. אַלע וועלן זיך אָפּשטעלן, קוקן וואָס פאַר אַ שיין מיידל זאַנוול האָט זיך געבראַכט און ווי זי גייט דאָס אויסגעפּוצט? שענער ווי אַ כראַביאַנקע! און אָט וועט אים אַנטקעגן קומען רחל, זי וועט צעמישט ווערן, נישט גלויבן אירע אייגענע אויגן — — — און ער? ווי קיינמאָל גאָרנישט! גייט זיך שטייף און רעדט מיט זיין דאַמע!

פאַרנאַכט האָט זיך זאַנוול ווידער איבערגעטרייסלט, זיך אַרומ־ געקוקט און רויק געלעגן. ער האָט געפילט אַ העליש פייער אין די ביינער. די פיס האָבן אים שטאַרק געצויגן, גלייך פּיאַווקעס וואָלטן דאָס בלוט אויסגעזאָגט. אַלץ האָט אים געעקלט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל יעצט די בלאָנדע טרעפן וואָלט ער זי דער־ שטיקט, אַז זי האָט אים איבערגעפירט, האָט אויסגעזאָגט זיין בלוט און מאַרך. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט שוואַך ווי אַ קינד און אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען.

— און ווער ווייס צי זי איז נישט אַ קראַנקע? — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן, איינגראָבנדיק טיף דעם קאָפּ אין קישן — זי האָט מיך איבערגעפירט!

ער וועט אַהיימקומען אַ קראַנקער. ער ווייס, אַז די קרענק איז די מיאוסטע, אַז ס'איז כמעט אוממעגלעך זיך אויסצוהיילן פון איר. און טאַקע „טל־ומטר" איז דאָך געוועזן אַ העלד, פון זיינע גבורות איז מען דאָך נשתומם געוואָרן, און אַז ער איז קראַנק געוואָרן און געקומען צעפאַלן שטיקערווייז, האָבן די חברים אים פאַרלאָזט. און ער אַליין געדענקט אים: אַ הויכער מיט צוויי ווילדע אויגן, מיט אַ רויטער אָפּגעפוילטער נאָז, מיט אַזעלכע רויטע פלעקן איבערן גאַנצן פנים, און געגאַנגען איז ער ווי אויף שטאָלצן.

זאַנוול האָט דערפילט אַ קאַלטן שוידער איבער זיין גאַנץ לייב. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און זיך פאַרטראַכט: ער איז אין דער היים. אַלע וויסן, אַז ער איז קראַנק, מיידן אים אויס. און ער איז געצוווּנגען צו שלאָפן אין הקדש. פון טאָג צו טאָג ווערט ער שוואַכער. ער קען שוין נישט אַרויס אויף דער גאַס. און אַלץ איבער רחלען, איבער די פאַרדריפּעטע חסידישע טאָכטער!

מיט אַמאָל האָט זאַנוול דערהערט קולות אונטער זיין פענסטער. ער איז אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן. משהלע האָט גערעדט הויך מיטן בעל־הבית פון האָטעל. באַלד האָט זיך די טיר אויפגעפראַלט און צוויי פערדס־הענדלער מיט משהלע ביק האָבן אַריינגעטראָגן עפּעס אַ פאַרבלוטיקטן קערפּער און אים געלייגט אויפן בעט. זאַנוול האָט אין די קליידער דערקענט גראַדולן, וועלכער איז געלעגן און געקרעכצט. עס איז כמעט אוממעגלעך געוועזן אים צו דערקענען, אַזוי צעממיתט איז ער געוועזן. די אויגן האָט מען נישט אַרויסגעזען, זיי זיינען געוועזן פאַרלאָפן מיט צוויי שוואַרץ־בלוילעכע לאַנטערנעס. פון מויל און פון קאָפּ איז גערונען בלוט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זאַנוול אַ געשריי געטאָן

משהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פאָרענטש פון בעט און אָפּגעגעוואָרפן זיינע פיס:

— די גאַנצע צייט געכראָפּעט און איצט שרייט ער!

זאַנוול האָט נישט געענטפערט.



— איר וועט זיך שוין שפּעטער קריגן — האָט זיך אַ פערד־הענדלער אַריינגעמישט — יעצט לויפט נאָך אַ דאָקטאָר! דער ייִנג קען דאָך אָפּגיין מיט בלוט! און מאַכט גיכער אַ ויברח! פּאָליציי זוכט אים;

— ביק, נישט קיין פּיפּס! הערסט! — האָט זיך זאַנוול געווענדט צו משהלען — גיי שוין נאָך אַ דאָקטאָר.

משהלע איז אויפגעשפּרונגען און איז אַרויס.

— ווי ר'נאָך איז דאָס געשען? — האָט זיך זאַנוול געפרעגט ביי די יידן.

— פּשוט! ער האָט געוואָלט נעמען אַ פּאָר פערד, האָט מען אים געכאַפּט, און ווען נישט מיר, וואָלט ער דערהרגעט געוואָרן.

זאַנוול האָט גענומען אַ שיסל וואַסער און גענומען אָפּוואַשן דעם פאַרבלוטיקטן גראַדולן. ער האָט געפילט, אַז דורך אים איז דאָס אַלץ. ער איז זיך עטלעכע מאָל דורך די שטוב און באַשלאָסן נאָך היינט מיטן קראַנקן אַהיים צו פאָרן.

---

## 19

— גלויב מיר, רחל, — האָט נתן געזאָגט צו זיין טאָכטער — מען פאַרגינט מיר פּשוט ברוכן נישט! און לאָמיר זיך טאַקע נישט נאַרן: ברוך איז פאָרט דער בעסטער בחור אין שטעטל, האָט היתר־הוראה, האַלט ביים צושטעלן זיך צום עקזאַמען, און טאַקע באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה לאָז איך זיך קאָסטן עטלעכע הונדערט רובל און ברוך וועט קריגן אַ „שטאָט" און ווערן רב. וואָס קען זיין עפּעס בעסערס?

דאָ איז נתן אַנטשוויגן געוואָרן, געטאָן אַ שמעק טאַבאַק און געקוקט אויף דער טאָכטער.

רחל האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז נאָר בלאַסער געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

– נו, טאָכטערשי! – האָט דער אַלטער אַ הוסט געטאָן.

רחל האָט אויפגעהויבן אירע פאַרלאָפענע מיט טרערן אויגן.

– טוט וואָס איר ווילט! – האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין און אַריין אין אַן אַנדער חדר.

– אַ יונג קינד, שעמט זיך מן הסתם – – לאָז זי זיך אַ ביסל אויסוויינען, ס׳מאַכט נישט – האָט נתן אַ טראַכט געטאָן און זיך צוגעשפאַרט אויף דער קאַנאַפע.

רחל איז אַריין אין איר שלאָפצימער. זי האָט גענומען שפאַנען הין און צוריק איבערן קליינעם צימער און האָט געפילט, אַז דאָ טוט זיך עפעס, אַז מענטשן גייען אַרום, טראַכטן, פלאַנעווען, ווי אַזוי זי גליקלעך צו מאַכן... רחל האָט האַסטיקער געשפאַנט איבערן קליינעם צימערל און מיט אַ שנעלקייט האָט זיך ביי איר אין מח געוועבט אַלץ נייע און נייע פלענער ווי אַזוי פטור צו ווערן פון שדוך. מיט אַמאָל האָט זיך ביי איר אין מח ווי עפעס אָפגעריסן. דעמאָלט האָט זי זיך אָפגעשטעלט, אויפגעשנירלט איר ווייסן שטערן, עטוואָס אַראָפגעלאָזט אירע אויגן-לעפלעך און געקוקט, געזוכט – נאָר ווי אויף צו להכעיס האָט זי זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, האָט אַ טופע געטאָן פאַר כעס מיטן פוס און גענומען שפאַנען ווייטער. ווען זי האָט דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט אין אירע פיס, האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער סאַראַטענער קאַנאַפע און באַשלאָסן נאָך היינט ביינאַכט צו זאָגן דעם פאָטער, אַז זי וויל נישט דעם שדוך, אַז זי וועט זיין אומגליקלעך איר גאַנץ לעבן מיט ברוכן, אַז – – – אַז זי ווייס אַליין נישט פאַר-וואָס... און פאַר איר איז עפעס ברוך אויסגעוואַקסן מיט אַמאָל פיל מיאוסער ווי ער איז געווען. די נאָז – האָט זיך איר געדאַכט – איז דאַרער און לענגער, צעוואַקסט זיך אין מויל אַריין און דאָס יונגע, בלאַסע פנים האָט אין זיך עפעס אַזאַ אַלטקייט, און דער קנייטש, וואָס טיילט אָפ די נאָז פון שטערן, האַלט זיך אין איין באַוועגן, גלייך אימיצער וואָלט ביי אים דאָרט געזעסן און געפיקעט, און אין גאַנצן זעט ער אויס ווי אַ מילך פון אַ הערינג.

רחל האָט געפילט, ווי עס ווערט איר קאַלט. זי האָט שטאַרק איינגעקוועטשט אירע ביידע שלייפן מיט די פויסטן און באַשטימט עס זאָל איר גיין איז לעבן, וועט זי מיט ברוכן נישט חתונה האָבן. און



אין איר אייגענעם טראַכטן האָט זי געפילט, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, אַז זי וועט דעם פאָטער קיינמאָל נישט זאָגן, אַז זי ליבט זאַנוולען דעם פערד-גנב, אַז איר גאַנצער טראַכטן איז נישט מער ווי אַ זיסער צייט-פאַרטרייב. אַז זי גענאַרט זיך זעלבסט, און זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אַזוי שוואַך און הילפלאָז ווי אַ קינד...

די שנאה צו ברוכן איז ביי איר מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן. דער טאַטע האָט איר געזאָגט, אַז ברוך וועט באַלד נאָך דער חתונה ווערן רב. זי וועט זיין רביצן. אַלע ווייבער וועלן איר קוקן אין מויל אַריין. יעדע וועט זיך שעצן גליקלעך מיט איר צו פאַרברענגען, הערן איר מיינונג און ווי נאָר אַ שמחה אין שטאָט, וועט מען זי פאַרבעטן, זעצן אויבן אָן, מכבד זיין מיטן בעסטן. רחל האָט זיך אָנגעשטרענגט ווי-טער צו ציען דעם געדאַנק, נאָר פלוצלינג איז פאַר איר אַרויסגע-וואַקסן די רביצן פון שטאָט אין איר זיידענער קופקע מיט די לאַנגע דימענטענע אוירינגען, און אַז באַלד נאָכן באַדעקנס וועט מען זי אַוועקזעצן אויף אַ גרויסן שטול, צעלאָזן אירע פלעכטן און די רביצן וועט זיי אָפשערן. רחל האָט אַ כאַפ געטאָן אירע צוויי לאַנגע צעפ, זיי באַטראַכט, גענומען זיי קושן, גלייך ווי זי וואָלט זיך צעשיידט מיט זיי אויף אייביק און פאַר איר איז מיט אַמאָל אַרויסגעשווּמען די אַלטע קריינדל, די חלות-און טשאָלנט-בעקערן. ווי רחל איז איינמאָל פרייטאָג נאָך מיטאָג צו איר אַריין. אונטער אַ שפאַנישע וואַנט איז געשטאַנען די אַלטע קריינדל, געמידליעט אַ יונג ווייבל דעם קאָפ מיט אַ האָריקן פענזל, גענומען אַ בריטווע און געגאָלט. און דאָס יונגע ווייבל האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעצוואָגן קעצל.

רחל האָט ווידער אַמאָל דערפילט אַ שנאה צו זיי אַלע, אַפילו צו איר פאָטער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האָבן זיך צונויפגע-רעדט זי אומגליקלעך צו מאַכן, אַז קיינער פאַרשטייט זי נישט, ווייל זי גאָרנישט פאַרשטיין... זי האָט פאַרגעסן, אַז זי איז ברוגז מיט זאַנוולען און זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי ראַטעווען, פון אונ-טער דער חופה אַפנעמען און האָט באַשטימט אים גלייך צו זען.

ווי אַ פאַרסמטע איז רחל אַרויס פון שטוב, און שנעל געשפאַנט צו שלמהס הויז. אין פענסטער איז געווען ליכטיק. זי האָט נישט געטראַכט און אַריין:

— אַ, סקאַנדאַל קומט! אַ גאַסט! — האָט תּרצה געזאָגט און אָפּגעווישט מיטן פאַרטוך אַ בענקל.

רחל איז רויט געוואָרן, זיך צעטומלט, האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, ווי איינער וואָס וויל זיך אָן עפּעס דערמאָנען:

— אַ דאַנק, תּרצה! זייט אייך נישט מטריח, כ'האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגן, איר זאָלט צונעמען די מערן.

— וואָס פאַרע מערן?!

— איר ווייסט גאָרנישט? אַ חידוש! — האָט רחל געענטפערט אײַנגאַנצן אַ צעפלאַמטע, — אייער זאַנוול האָט יענע וואָך באַשטעלט אַ קערץ מערן פאַר די פערד און ער קומט זיי נישט נעמען, — ס'האַלט דאָך אין איין רעגענען, זיי קאָנען פאַרפוילט ווערן...

— און ער האָט אייך באַצאָלט? — האָט זיך תּרצה געפרעגט.

— געוויס! וואָס דען?!

— גלויבט מיר, רחל, דער יינג מאַכט מיך בדיל הדל! אָט זעט איר, געקויפט מערן און גאָרנישט! דער יינג איז דאָך שוין באַלד אַ וואָך אויפן לוּוויטשער יריד, און גיי זיי אַ נביא, אַז ער האָט געקויפט מערן! אַ שיינעם דאַנק, רחלשע, וואָס איר זייט געקומען. בלי נדר, מאָרגן שיק איך מיין „אַלטן" נאָך זיי. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ! — האָט תּרצה געהאַלטן אין איין מאָלן, — איר, רחל, האָט דאָך אונז אינגאַנצן פאַרשעמט. נישט געבליבן צו דער סעודה, מיין זאַנוול האָט אייך אַרומגעזוכט.

רחל האָט אָנגעקוקט תּרצהן, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלטע תּרצה אָן ציין ווייס אַלץ און שמייכלט, אַז זי ווייס, אַז זאַנוול האָט קיינמאָל קיין מערן נישט געקויפט און אַז דאָס האָט זי זיך פאַרבענקט נאָך איר זאַנוולען און איז דאָס געקומען מיט אַן אויסרייד.



29

אין אָוונט איז זאַנוול געקומען פון יריד און געוואָר געוואָרן, אַז רחל גייט אַ כּלה ווערן פאַר ברוך גיטלס. ער איז געוואָרן מאָדנע אומרויק. ער האָט מער נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, איז אַרויס אין גאַס און זיך געלאָזט גיין צו גראַדולן.

אַ ווינט האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן און גענומען שטאַרק בלאָזן, אויפהייבנדיק גאַנצע קופּעס שטויב. דער ווינט האָט זיך געדרייט, געיאָגט איבער דער גאַס מיט אַ פייף

זאַנוול האָט גענומען גיכער שפּאַנען.

ער האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט.

נתן מיט רחלען זיינען אים אַנטקעגן געקומען.

דער ווינט האָט זיך שטאַרקער צעפּייפט, ערגעץ-ווו אויף אַ דאַך אַ הויב געטאָן אַ שטיק אָפּגעריסענע בלעך, אַ ריס אַראָפּ געטאָן פון נתנס קאָפּ זיין טוכן היטל און מיט אַ שנעלקייט עס גענומען טראָגן איבערן גאַס.

דער אַלטער מיט דער טאָכטער זיינען געבליבן שטיין אומבאַהאָלפענע זיך איבערגעקוקט און באַלד זיך געלאָזט נאָכן היטל.

זאַנוול האָט געטאָן אַ שפּרונג, געכאַפּט דאָס היטל און מיט דרך-ארץ עס צוגעטראָגן נתנען.

— אַ שיינעם דאַנק, וואָס איר האָט זיך מטריח געווען, זאַנוול! דאָס הייסט אַ ווינט! — האָס דער אַלטער געזאָגט און אָנגעטאָן דאָס היטל.

זאַנוול האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָנגעקוקט די איבערגעשראָקענע רחל, נאָר מער ווי אַ נאַרישער שמייכל איז ביי אים אויפן פּנים נישט אַרויס.

ווען נתן מיט רחלען זיינען שוין געווען אַ שטיק פון אים, האָט זיי זאַנוול נאָכגעיאָגט אַ צעטראָגענער

— גייט גיכער אַהיים, ר׳ נתן!... עס וועט באַלד אַ גאָס טאָן אַ רעגן! — האָט זאַנוול אויסגעשאָסן און איז רויט געוואָרן.

— הלואי! — האָט נתן געענטפערט, — די קאַרטאָפל דאַרפן רעגן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

זאַנוול האָט באַמערקט ווי רחל האָט געשמייכלט און ער איז עפּעס צופרידענער געוואָרן.

ער איז זיי נאָכגעגאַנגען.

אַ בליץ האָט אָנגעצונדן די גאַנצע גאַס.

ערגעץ ווייט האָבן גענומען פּלאַצן גרויסע פעלזן, געפּלאַצט און געקייקלט זיך אַלץ נענטער, זיך צעקראַכט ערגעץ אין דער הויך, זיך פאַנאַנדערגעשאָטן ווי מחנות פויקן.

עס האָט באַלד אַ גאָס געטאָן אַ רעגן, געפּליוכעט ווי מיט צעבערס.

זאַנוול איז אריין אין הויז קעגנאיבער נתנען.

ביי נתנען איז געווען ליכטיק.

זאַנוול האָט אַ נערוועזן ציטער געטאָן:

אין דער טיר פון נתנס הויז איז געשטאַנען רחל.

ער איז לייכט צו צו איר.

רחל, דערזעענדיק זאַנוולען, האָט זיך דערשראָקן און זיך אַריינגערוקט אין הויז אַריין. באַלד איז זי צוריק אַרויס.

זיי זיינען געשטאַנען עטלעכע מינוט, זיך אָנגעקוקט מיט ערנסטע פנימער.

זאַנוול האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

— רחל, איך דאַרף דיך זען! כ׳האָב עפּעס מיט דיר צו רעדן. זיי מאָרגן אַכט אַ זייגער אין פעלד! וועסט זיין?

— כ׳וועל זיין! — האָט רחל געענטפערט, נישט געזאָגט קיין גוטע נאַכט און פאַרשוואונדן אין פינסטערן קאָרידאָר.

זאַנוול איז געבליבן שטיין עטוואָס אַ צעמישטער. לאַנג האָבן אין זיינע אויערן געקלונגען רחלס טריט און דער סקריפּ פון דער טיר. ער האָט דערפילט, אַז דער גרונט אונטער זיינע פיס באַוועגט זיך, נעמט אַפּערשווימען פון אונטער אים און ער בלייבט ערגעץ אין דער לופט.

מיט אַ מידקייט אין קערפּער האָט זיך זאַנוול אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זיינע גרויסע הענט, שטאַרק



פאַרקוועטשט די אויגן און פון די ציין האָט זיך געהערט אַ מאָדנע קריצעריי, גלייך אַ שאַרפע זעג וואָלט געשניטן אַן אַלטן דעמב. זאַנוול האָט געשפּירט, אַז עס הויבט אים פון אָרט, אַז אַזוי גלאַט אַוועקגיין אָן אַלעם קאָן ער נישט, אַז ווען ער וואָלט יעצט געכאַפּט רחלען, וואָלט ער זי דערשטיקט, נישט געלאָזט זיך אַזוי טרעטן און בלאָזן אין דער קאַשע אַריין. וואָס מיינט זי? — אַ גנב האָט קיין האַרץ נישט? און וואָס האָט זי דאָס פאַרקאָכט אַ קאַשע מיט די מערן?! ווען האָב איך ביי איר געקויפט מערן? זי ליגט שוין מסתמא יעצט אין בעט און לאַכט אין די פויסטן אַריין ווי ר׳נאָך זי איז פּטור געוואָרן פון מיר. אַ כאָליערע! זי וועט זיך נישט לאַנג פרייען. כ׳וועל איר באַלד וויזן, אַז כ׳שטיי נאָך, אַז מיך צו פּטרן איז נישט אַזוי לייכט! כ׳נעם באַלד אַ שטיין און טו אַ טראַסק אין פענסטער אַריין, עס זאָל פון אים קיין זכר נישט בלייבן!

זאַנוול האָט גענומען זוכן אַ שטיין, איז דורכגעלאָפן אַ האַלבע גאַס, געזוכט, און אַלע שטיינער, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט, זיינען אים עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. ער איז באַלד צוריקגעקומען צום פענסטער און געהאַלטן אין איין טענהן צו זיך: ווו קריגט מען עפּעס אַזאַ קיילעכדיקן, שפּיציקן שטיין? ער איז צו צום פענסטער און אַריינגעקוקט מיט ביידע אויגן, נאָר ער האָט גאָרנישט געזען.

פון דערווייטנס איז געשטאַנען דער נאַכט-וועכטער מיט זיין גראָבן שטעקן און געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף זאַנוולען. דער וועכטער האָט גענומען פּאַמעלעך צוגיין. זאַנוול איז אַזוי געווען צעטראָגן, אַז ער האָט נישט געהערט ווי דער וועכטער איז צו צו אים. נאָר ווען דער וועכטער האָט אים שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַ געשריי געטאָן: „קום מיט מיר, נאַכט-פויגל!“ האָט זיך זאַנוול ווי אויסגעניכטערט און זיך אויסגעדרייט.

דער נאַכט-וועכטער האָט אַ הויכן פייף געטאָן און געהאַלטן זאַנוולען פעסט מיט ביידע הענט. זאַנוול האָט מיט אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט פון אַן אומנאָרמאַלן מענטש זיך אַ שליידער געטאָן אויפן וועכטער, זיך עטלעכע רגעס געאַמפּערט, אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אַ זעץ מיטן פוס אין האַרץ אַריין און איז אַריבער דורכן פּאַרקאַן פון נתנס סאָד.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט פייפערייען און באַלד האָבן זיך אין דער שטילער נאַכט אַריינגעטראָגן די שווערע טריט פון די וועכטערס. זאַנוול האָט געוווּסט, אַז יעצט צו אַנטלויפן איז אַ סכּנה, מען וועט אים געוויס כאַפּן. ער האָט גענומען זוכן אַן אָרט וווּ זיך צו באַהאַלטן.

אין עק גאָרטן איז געווען אַ גרוב פון קאַרטאָפל, פאַרמאַכט מיט אַ גרויסן שטיין. זאַנוול האָט אָפּגערוקט דעם שטיין, איז אַריין, צוריק פאַרמאַכט, האָט זיך אַרונטערגעלייגט אונטער אַ דריבעז פון וואַסער און געלעגן אין געהאַקטע צרות.

עס האָבן זיך באַלד דערהערט קולות אין גאָרטן. מען האָט אים געזוכט. ער האָט געהערט נתנס קול און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען האָט אים שוין, מען פירט אים אַרויס, יעדער איינער שלאָגט אים און רחל שטייט און קוקט. ער האָט באַשלאָסן צו זיין גרייט אויף אַלץ, אַפילו זיך צו פאַרטיידיקן מיטן רעוואָלווער, האָט בשעת מעשה אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַן אייזערנע הענטשקע און זי זיך אָנגעטאָן אויף דער האַנט.

עס איז שטיל געוואָרן. זאַנוול איז נאָך געלעגן אַ לענגערע צייט. דערנאָך איז ער אַרויס און אַוועק אַ דורכגעווייקטער דורך הינטערגעסלעך צו גראַדולן.

ביי גראַדולן איז געווען ליכטיק.

אין אַ גרויס הילצערן בעט איז גראַדול געלעגן. זיין פּנים האָט אויסגעזען ווי באַשאָטן מיט אַש. ער איז געלעגן און געכאָרכלט מיט זיין ברוסט ווי אַ גאַנז.

ביים טיש איז געזעסן ביילע אַ פאַרוויינטע.

— וואָס הערט זיך? דער דאָקטאָר איז געווען? — האָט זיך זאַנוול שטיל געפרעגט.

— געווען! — האָט ביילע מיט אַ זיפץ געענטפערט.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— וואָס מיר דאָקטאָר! — האָט דער קראַנקער אָפּגעהוסט און אויסגעשפּיגן אַ שטיק בלוט ווי אַ קופּערנער צענער. — הערסט, זאַנוול, איין גאָט זאָל מיר העלפן, ס'איז נישט גוט, ברודער, ס'האַלט



שמאָל... די כּחות גייען אויס... בלי נדר, מאָרגן פרי טראָג אַוועק דעם גבאי פון דער תּלמוד תּורה אַ פינפערל מען זאָל זאָגן תּהילים.

זאַנוול איז געשטאַנען, זיך געקראַצט דעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער בעל-חוב, וואָס גראַדול איז קראַנק. באַלד האָט זיך ביילע צעכליפּעט. ער האָט נישט געקאָנט מער צוהערן, איז אַריין אין שלאָף-צימער און זיך אויסגעצויגן אויף גראַדולס בעט.

עס האָט זיך אים אַלץ געפּלאָנטערט, אַז מען יאָגט אים, אַז באַלד קומט מען אַרויף, מען נעמט אים פון בעט אַרויס און מען פירט אים אַ געשמידטן אַוועק.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ געוואַלדיק-הויכער מענטש מיט איין אויג אין שטערן גענומען פּאַקן צו אים דורכן פענסטער. ער האָט זיך געפּאַקט און געפּאַקט, אָנגעפילט די גאַנצע שטוב, יעדעס ווינקל, יעדע שפּאַרע, און דאָס אויג האָט געשאָסן מיט פאָספאָר-שטראַלן.

דער מענטש האָט זיך געהאַלטן פאַר זיין גרויסן בויך, געפּלאַצט פון געלעכטער, געוווּנקען מיטן אויג:

— אַבע! רחל האָט דיך אַוועקגעוואָרכן! אַוועקגעוואָרפן!

פון פאַרדרוס האָט זאַנוול אונטערגעשפּאָרט זיין פאַרשוימטן פערד, אַרויסגעכאַפּט די לאַנגע, קרומע שווערד און אַ ביטערע מלחמה האָט אויסגעבראָכן צווישן אים און דעם איין-אויגיקן מענטש.

מיט יעדן פאָך פון דער שאַבלע האָט זאַנוול געשפּאָלטן דעם מענטש אין צווייען, און פון דעם מענטש זיינען באַלד צוויי מענטשן געוואָרן, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ פולע שטוב מיט איין-אויגיקע מענטשן, און אַלע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די געפּאַלדעוועטע בייכער, געלאַכט און די אויגן האָבן געשאָסן ווי פאָספאָר-שטראַלן...

זאַנוול איז געוואָרן שטאַרק בייז, איז אַראָפּ פון פערד, געכאַפּט איין מענטש פאַרן גערדיק, אים אויסגעשטאָכן דאָס אויג און באַלד האָט אַ קראַך געטאָן אַ דונער — אַלץ איז צעשוווּמען.

זאַנוול האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אָפּגעגאָסענער פון שווייס, געעפנט די אויגן: פינסטער, און אין דרויסן האָט געגאָסן מיט צעבערס.

ביילע איז געזעסן אויף איר בעט און זיך אויסגעטאָן. זי האָט איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין קישן און שטיל געוויינט.

זאַנוולען האָט עס געהויבן פון בעט. ער האָט נישט געקאָנט הערן ווי ביילע וויינט.

— ביילע ?

— זאַנוול, איר שלאָפט נישט ?

— ניין ! — האָט זאַנוול געענטפערט. — ביילע, וואָס ווערט אייך העלפן אייער וויינען. גלויבט מיר, גראַדול ווערט נאָך געזונט ווערן. איר וועט זען. — —

— אָ, זאַנוול, — האָט ביילע וויינענדיק געזאָגט און זיך אויפגעזעצט. — קיינער ווייסט נישט, ווי שלעכט מיר איז. — אַ האַלב יאָר נאָך אַ חתונה — — און דער דאָקטאָר זאָגט, ס'איז קיין האָפנונג נישטאָ. . .

ביילע האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

זאַנוולען האָט באַנג געטאָן צו וואָס ער איז געקומען נעכטיקן, האָט נישט געקאָנט הערן ווי ביילע וויינט, האָט פאַרשטאָפט די אויערן מיט די פינגער און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן.

ביילע איז געוואָרן שטילער, גענומען דערציילן ווי ר'נאָך זי האָט זיך באַקענט מיט גראַדולן, ווי ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, ווי ער פלעגט זי אַרומטראָגן אויף די הענט, פלעגט איר דאָס אָרט אָפּהויכן, און וואָס האָט איר טאַקע געפעלט ? — — —

זאַנוול האָט געשפּירט ווי די מידקייט איז אַוועק. ער האָט זיך געפילט קרעפטיק פון ביילעס מעשיות און זיך געדרייט אין דרייען אונטער דער קאָלדרע. ער האָט מער נישט געהערט וואָס ביילע דערציילט אים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז גראַדול, טראָגט אַרום די קליינע ביילקע מיט די ברענענדע „שליפּיעס"*), מיט די לאַנגע האָר אויף זיינע הענט...

פון דעם „הייזל", וואָס האָט זיך געפונען וויז-אַ-ווי גראַדולס פענסטער, האָט זיך געהערט אַ קרעכצן, ווי אַ פאַרשטיקט געוויין. זאַנוול האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ פרוי וויינט. דאָס געוויין איז שטאַרקער געוואָרן און זיך דערנענטערט אַלץ מער. אַפּנים, אימיצער האָט געשלאָגן אַ פריילעכע שוועסטער.

---

*) „שליפּיעס" — אויגן.



און דער רעגן האָט געפליוכעט גאַנצע צעבערס אין פענסטער אַריין.

דאָס געוויין האָט זאַנוולען אויפגערעגט, געקאָרטשעט אין דרייען. ער האָט פלוצלינג דערזען ווי ביילקע שטעלט זיך אין אַ ווייס לאַנג העמד, שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און גייט צו צום פענסטער. דאָס ווייסע העמד מיט די צעלאָזטע האָר האָבן זאַנוולען נישט געלאָזט רוען. ער איז געלעגן ווי אויף שפּילקעס מיט ברייט צעעפנטע אויגן... ביילע האָט געקוקט דורכן פענסטער, קיינעם נישט געזען און, אַ קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס, האָט זי גענומען צוריקגיין...

זאַנוול האָט איר לייכט אַ ציפּ געטאָן פאַרן העמד.

ביילע האָט אים גענומען גלעטן מיט איר ווייך הענטל איבערן פּנים .. זאַנוול האָט אין דער לופט דערפילט ביילקעס אָפּגעהאַקטן אָטעם און האָט זי אַרומגעכאַפּט ווי אַ צערייצטער לייב.

---

## 21

פאַרטאָג. זאַנוול האָט זיך דורכגעטרייסלט. לעבן אים איז געלעגן ביילע, די פיס איינגעוויקלט אין איר ווייס העמד, די שוואַרצע האָר צעשאָטן איבערן ווייסן קישן און אין מויל האָט זי געהאַלטן דעם קליינעם פינגער פון דער רעכטער האַנט.

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען און אַ קרעכצן. זאַנוולען איז קאַלט געוואָרן. ער איז לייכט אַראָפּ פון בעט, זיך אויף גיך אָנגעטאָן און גענומען גיין צום קראַנקן. ער איז אָבער באַלד געבליבן שטיין. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער קראַנקער האָט אַלץ געזען. . . דורך דער וואַנט. . . דאָס רופט ער אים, וויל זיך מיט אים אויסשמועסן צי אַזוי האַנדלט מען קעגן אַ קראַנקן חבר. אַ קאַלטער שווייס האָט דורכגעשלאָגן זיין שטערן. באַלד אָבער האָט ער זיך צעשמייכלט :

— וואָס, ווער גזעזן! — — — יענער ליגט דאָרט אין זייגע צרות! — און איז אַריין מיט אומזיכערע טריט.

גראַדול איז געשלאָפן. די נאָז איז געוועןְ לענגער און שפּיציקער, די אויגן טיף אַריין, גלייך ווי מען וואָלט זיי אַריינגעקלאַפּט און צוגעמאַכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ כאָרכל פון האַלז. דעמאָלט פלעגן זיך די אויגן־לעפלעך עטוואָס עפענען און אַ פּאָר הינערשע אויגן האָבן אומבאַשטימט געגלאָצט...

זאַנוולען האָט עס אויפגעשוידערט. ער האָט אַ שפּיי געטאָן און זיך לייכט אַרויסגעגנבעט.

---

זאַנוול האָט געשפּאַנט איבער די ליידיקע גאַסן.

ביי אַ קליין הייזל איז געזעסן ר׳ יעקב, זאַנוולס געוועזענער רבי, אין אַ פּאָר הויזן מיט אַ לאַנגן טלית־קטן. ער האָט געהאַלטן צווישן די פיס אַ גאַנז, איר געעפנט דעם שנאָבל און אַריינגעשאָטן צו לעפעלעך הירזש. די גאַנז האָט געגלאָצט מיט אירע פאַרצלאָיעגע אויגן, זיך געקרעקט און אַראָפּגעשלונגען.

זאַנוול האָט זיך צעשמייכלט:

— גוטמאָרגן, רבי!

דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט:

— אַ גוטמאָרגן, גוטמאָרגן! וואָס מאַכסטו עפּעס, זאַנוול?

— אַ דאַנק! און איר, רבי? פּאַשעט נאָך אַלץ די גענזלעך?

— ווי דען, קינד, אויף דער עלטער, קיין מלמדות נישטאָ מער — די ליטוואַקעס, ימח שמם, זיינען זיך אָנגעלאָפן, אַרויסגעריסן דעם ביסן פון מויל, און די ציין אויף דער פּאָליצע לייגן ווילט זיך נישט... נו, פּאַשעט מען גענז!.. מען מוטשעט זיך!

זאַנוול האָט אַפילו נישט געוווּסט, וואָס דער אַלטער פּלאַפּלט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז ביי אים נישט יום־טובדיק.

— רבי, נאַט אייך אויף טאַבאַק! — האָט ער אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירענעם רובל און גענומען שפּאַנען צו דער תּלמוד־תּורה.

דער גבאי, אַ דיקער ייד מיט אַ ברייטע שוואַרצע באָרד, אין אַ סאַמעטענער וועסט, האָט אויסגעהערט זאַנוולען און זיך צעשמייכלט:



— ניין, כ׳קאָן נישט שיקן די קינדער זאָגן תּהילים!

— פאַרוואָס? — האָט זאַנוול אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— ווייל... כ׳ווייס — אַז דער חלף ליגט אויפן האַלז, ווערט מען פרום... כ׳קאָן נישט!...

— וואָס קאָנט איר נישט? — האָט זאַנוול אַרויסגעפּלאַצט בייז. — איך פאַרלאַנג נישט בחנם. אָט האָט איר פינף רובל, און אויב ס׳איז ווייניק — זאָגט!

דער גבאי האָט אים אָנגעקוקט, געוואָרפן אַ בליק אויפן פינפערל און זיך אָפּגעהוסט:

— גלויב מיר, זאַנוול, אַז איך בין דאָ גאָרנישט אויסן! גראַדול איז דאָך פון דור־דורות אַ גנב. און יעצט שיקן די קינדער זאָגן תּהילים?! גו, זאָג דו אַליין, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס?

זאַנוול איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. ער האָט געהאַט חשק אַראָפּצולאָזן דעם גבאי אַ פּראַסק און אַרויס.

— אודאי איז ער אַ גנב, נישט קיין טופּר! און איך בין אויך אַ גנב! איר הערט? אָבער יידן זיינען מיר! כ׳זאָג אייך נאָכאַמאָל, איר זאָלט שיקן די קינדער זאָגן תּהילים! איר וועט שיקן? זאָגט!

דער גבאי האָט זיך דערשראָקן, געקוקט אויף זאַנוולען, אויפן געלט, אַריינגעשנייצט מיט אַ טרוקענע תּקיעה אין אַ רויט טיכל אַריין:

— נו, וואָס וועל איך מיט אייך מאַכן? כ׳וועל שיקן.

זאַנוול האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע נאָך אַ פינפערל, אַנידערגעוואָרפן עס אויפן טיש און געזאָגט:

— זעט, אַז מען האַנדלט מיט מיר ווי אַ מענטש, בין איך אויך קיין חזיר נישט!

---

מיטאָג־צייט איז זאַנוול אַרויס אין גאַס, אויספייפנדיק אַ ניגון. ער איז אַריין אין מאַרק. פון אַ זייטיק געסל האָט זיך געשלעפּט אין מאַרק אַריין דער אַלטער פראַנעק מיט זיין גרויסן באַראַבאַן. ער האָט אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק די פויק, זיך אָפּגערוט אַ ביסל און גענומען פויקן וואָס כח נאָר.

פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן מענטשן. דער מאַרק איז באַלד שוואַרץ געוואָרן. דער אַלטער האָט באַטראַכט אַלעמען און מיט אַ שטימע פון אַן אַלטן קאָמאַנדיר האָט ער אויסגערופן:

„ס'איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ חזיר מיט אַ שוואַרצן פלעק. ווער עס וועט עס געפינען, איז געבעטן עס צו ברענגען אין ראָטהויז אַריין.

„נתן אָגראָדניק האָט מען די נאַכט געוואָלט באַגנבענען. זייט פאָרזיכטיק!"

דער אַלטער האָט געענדיקט זיין דרשה. געטאָן דריי קלעפ אין באַראַבאַן און גענומען גיין אונטער דער באַגלייטונג פון אַ קינדערשע קאַץ-מוזיק.

זאַנוויל איז געשטאַנען און געשמייכלט. אים איז עפעס דאָס גאַנצע עסק געפעלן, ער האָט אַ פייף געטאָן און לייכט גענומען שפאַנען איבערן שטאָט.

---

אָוונט. זאַנוויל איז געווען אין פעלד און געוואַרט אויף רחלען. ער האָט פון פאַרדרוס געריכערט איין פאַפיראָס נאָכן צווייטן, ברייט צעעפנט די אויגן אין דער נאַכט אַריין און געזוכט, געוואַרט אויף רחלען.

ער האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער איז אויסגעשפילט, אַז זאַנוויל איז מער נישט זאַנוויל, אַז עפעס אַ מיידל מיט אַ פאָר שוואַרצע אויגן האָט אים בכשופט. און צום מיינסטן האָט אים געקרענקט פאַר וואָס זי לאַכט נאָך פון אים זי האָט דאָך אים געקאָנט זאָגן, אַז זי זיל נישט קומען, אַז זי וויל אים מער נישט זען, אַז זי וויל נישט האָבן צו טאָן מיט אַ גנב. נו, וואָלט ער געוווסט קלאָרע דבורים, זיך איינמאָל אַרויסגעשלאָגן פון קאָפ און באַסטאַ! אָבער זיך גאָר רייצן מיט אים? צוזאָגן און נישט קומען. אַ כאָליערע! ער וועט זיך נישט לאָזן בלאָזן אין דער קאַשע אַריין! ניין! ער גייט באַלד צו איר און מאַכט דאָרט אַ חתונה, אַז עס וועט איר פינסטער ווערן אין די אויגן!

זאַנוויל האָט גענומען שפרייזן אין שטאָט אַריין. ער איז געבליבן שטיין ביי נתנס הויז. די פענסטער זיינען געווען באַלויכטן, די ראָלעטן אַראָפגעלאָזט. זאַנוויל איז פאַמעלעך צו און האָט אַריינגעקוקט. ביים טיש איז געזעסן רחל אַן אויסגעפוצטע און געשמועסט מיט ברוכן. זאַנוויל איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער און געקלערט, אַז אויב ער וועט זיי יעצט נישט שטערן, איז ער אַ הינטישער לעבער! זאָלן זיי וויסן, אַז זאַנוויל איז נאָכנישט געשטאָרבן. און אים, דעם בלאַסן לאַבסערדאַק, וועט ער נאָך ביינאַכט אַ זשעברע צעברעכן, גלאַט אַזוי!...

זאַנוויל האָט מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ שענדלעך וואָרט, געכאַפט אַ שטיין און פון הינטער אַ הויז אַפער האָט ער אים אַ שליידער געטאָן גלייך אין פענסטער אַריין.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש און אַ קלימפעריי פון גלאָז. זאַנוויל איז אַרונטער אונטער אַ הילצערנע טרעפ. ער האָט געזען, ווי אַלע זיינען אַרויס, געקוקט אין אַלע זייטן, לאַנג גערעדט און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן.

זאַנוויל האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ווייטער אַזוי לעבן קאָן ער נישט, אַז ער איז נישט מער ווי אַ טרוס! אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט בשום אופן נישט דערלאָזט, מען זאָל אים צונעמען אַ מיידל! און ער ליגט דאָ אונטער אַ טרעפ אַ גאַנצע נאַכט אין געהאַקטע צרות! דאָ האָט זאַנוויל גענומען שפאַרן די טרעפ מיט זיינע פלייצעס וואָס כח נאָר, געפילט אַז עס קנאַקט, נאָך אַ קרעכץ און די הילצערנע טרעפ האָט זיך איבערגעדרייט.

זאַנוויל האָט זיך אָפגעשאָקלט און געפילט ווי אַ שווערע משא וואָלט אַראָפ פון אים. צו גראַדולן אַרויפגיין האָט זיך אים נישט געגלוסט.

— ס'וועט זיך געוויס איבערחזרן די נעכטיקע געשיכטע! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און אויסגעשפיגן.

ער האָט זיך אַ דערשלאָגענער גענומען שלעפן אַהיים. באַלד האָט ער זיך אָפגעשטעלט, אַ שמייכל געטאָן. ער האָט ערגעץ אויפגעזוכט אַ שמאַטע, זי איינגענעצט, אויסגעשמירט מיט סאַזשע און זיך צוועקגעשטעלט ביי נתנס הויז.

שפּעט אין דער נאַכט איז ברוך אַרויס.

זאַנוול האָט אים אָנגעכאַפּט, איינגעוויקלט דאָס פּנים אין דער שמאַטע און אים פעסט געהאַלטן.

ברוך האָט זיך גענומען ראַנגלען, מאַכן קולות.

רחל איז אַרויס.

זאַנוול, דערזעענדיק רחלען, האָט אָפּגעלאָזט ברוכן און געמאַכט פּליטה.

---

## 22

אין שענק ביי אַ גרויסן טיש זיינען געזעסן עטלעכע ייִנגען מיט זאַנוולען אין דערמיט און געטרונקען.

צייט גראַדול איז געשטאָרבן און ביילע האָט זאַנוולען פאַרטרויט אַ סוד, אַז זי טראָגט, איז ער ווי צעמישט געוואָרן, זיך געפילט שולדיק און זי גענומען מיט אַמאָל אויסמיידן. איינזיצן מער אין שטוב האָט ער שוין נישט געקאָנט. עס האָט אים געטריבן פון יעדן ווינקל. ער פלעגט באָר אַראָפּרוקן דאָס היטל איבער די אויגן, שפּרייזן אין שענק אַריין און שכורן.

יעצט איז זאַנוול געזעסן ווי אַ הילצערנער, דעם קאָפּ איינגעראָמט אין זיינע גרויסע הענט און אַריינגעקוקט אין דעם נישט-דערטרונקענעם קופל ביר. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך ווי איבערגעצויגן מיט אַ מוטנע, וואַסערדיק הייטל און האָבן אויסגעדריקט עפּעס טעמפּס, אידיאָטיש. . . עפּעס האָט ער פאַר זיך געזען קלויסטער-גלאָקן, גרויסע, קליינע. די גלאָקן האָבן געהאַלטן אין איין קלינגען. דער מוח האָט זיך געהויבן און געטאַנצט ווי אויף שפּרינגפעדערס.

משהלע ביק איז צרויס פון אונטער אַ טיש אָן אַ היטל מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שענק, זיך צעגענעצט, פאַרהוסט און גענומען שפּייען אויף אַ שטח פון צווייאיילן.



ער איז צו צו מאַנקען, וועלכע איז געשלאָפן אויף אַ באַנק, איינגעוויקלט אין אַ וואַרעם ווינטער-טוך, מיט דער האַנט צוקאָפּנס, און זי פעסט אַרומגענומען.

מאַנקע האָט צעעפנט אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אויגן און זיך געבעטן:

— משהלע, טשעפּע נישט! לאָז מיך שלאָפן!

משהלע האָט מאַנקען גוט איינגעוויקלט אין דעם טוך, איר אַ לייכטן קניפּ געטאָן. איז צו צו זאַנוולס טישל און גענומען רעדן מיט זיינע חברים.

זאַנוול האָט דערהערט דאָס וואָרט „נתן אָגראָדניק“, און ער האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט. נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער אויפגעשפּיצט די אויערן און זיך איינגעהערט וואָס זיי רעדן.

— און ווען האָט זי דאָס חתונה? — האָט זיך אַ געלער ייִנג מיט אַ געשפּאָלטענער ליפּ געפרעגט.

— איבער אַכט-טאָג. שבת חנוכה, — האָט משהלע געענטפערט.

— טאָ לאָמיר צוגיין רעדן מיט מאַרטשינען, — האָט דער געלער ווייטער געזאָגט

— נישטאָ וואָס צו רעדן, — האָט משהלע ווילעריש געענטפערט. — פאַראיאָרן האָב איך מיט זאַנוולען כמעט קיין איין כּלה נישט דורכגעלאָזט! דעם טאָג, ווען מען וועט פירן די כּלה אין מקוה אַריין, וועלן מיר אַריין צו מאַרטשינען, אים געבן אַ פלעשל פּערציקער און זיין ווייב וועט אונז אַרויפלאָזן וווּ דער קעסל שטייט. נאָר דאָרט, חברה, מוז מען זיך היטן! איין איבעריקן דריי און דו ליגסט מיט די קאַפּיטעס אין אַ קעסל אוקראָפּ.

— ס'וועט זיך כאָטש לוינען? — האָט דער געלער געפרעגט און זיך באַלעקט.

— וואַרט, וואַרט, וועסט זיך ערשט אָנהויבן צו באַלעקן, — האָט משהלע געענטפערט מיט אַ געלעכטער, אַ ווינק געטאָן מיטן אויג און געוויזן מיטן פינגער אויף זאַנוולען — דאָס איז אַמאָל געוועזן זיינע, פלעגט זיך מיט איר אַרומשלעפּן גאַנצע נעכט.

זאַנוול האָט פאַרשטאַנען, אַז משהלע רעדט פון אים און איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געכאַפּט דעם קופל ביר און אַ גאָס געטאָן משהלען אין פּנים אַריין.

— ס'איז אפשר אַ ליגן? — איז משהלע צו צו זאַנוולען מיט פאַרקוועטשטע פויסטן.

מאַנקע, וועלכע איז שוין מער נישט געשלאָפן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן משהלען און זאַנוולען און געוואָלט מאַכן שלום. זי האָט אָנגעכאַפּט משהלען פאַר דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט:

— יענער מאַכט אַ שפּאַס און דו צינדסט זיך אָן!

משהלע האָט זיך געריסן מיט קולות פון מאַנקען און אַלץ געשטאַנען אויפן זעלבן פּלאַץ.

— לאָז מיך אָפּ! וואָס מיר שפּאַס! וואָס מיינט ער, וואָס? ווער שרעקט זיך פאַרן? כ'האָב חוטא בעגל געווען פאַרן פריץ! געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט נתנס טאָכטער! ס'איז אפשר אַ ליגן?

זאַנוול איז האַסטיק אויפגעשפרונגען, אַוועקגעשליידערט מאַנקען, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף משהלען און באַלד זיינען זיי ביידע געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, זיך געקאַטשעט ווי צוויי גרויסע קודלאַטע הינט, אַרויסלאָזנדיק מאָדנע קולות, אַריין איינער דעם צווייטן אין די אויגן, אין די האָר. אַ צעררייצטער איז זאַנוול אויפגעשפרונגען, אַ שפּיי געטאָן משהלען אין פּנים אַריין, וועלכעס איז געווען פאַרלאָפן און באַגאָסן מיט בלוט און איז אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז געווען פינסטער און פראָסטיק.

זאַנוול האָט געשפּאַנט איבערן שאָסיי, ווו די שענק איז געשטאַנען, געקוועטשט די פויסטן און גערעדט צו זיך אַליין:

— ס'מוז נעמען אַ סוף! ס'מוז! ווייטער אַזוי לעבן קאָן איך נישט!

זאַנוול האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון האַלבן פעלצל, אַריינגעמאַכט די הענט אין די בוזים־קעשענעס און געוואָלט עפּעס טראַכטן. וואָס ער האָט נישט געטראַכט, זיינען באַלד אָנגעשפרונגען טויזנט אַנדערע זאַכן, מעשיות און קלייניקייטן, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, און האָבן אים צעמישט.

— און וואָס וויל גראַדול פון מיר? — האָט זאַנוול גענומען טראַכטן.

און אָט איז ער אין אַ געדיכטן וואַלד — — —

ער זיצט אויף אַ גרויסן פּיען.



אַרום ברענען גרויסע פייערן, ס'בראָטן זיך גאַנצע זייטלעך קאַלב־פלייש, ס'שטייען באַרלקעס מיט בראָנפן, טונקעלע ביר.

זיין „חברה" ליגן אויפן גראָז, טרינקען, עסן און לאַכן. אַרום זיי פּאַשען זיך דאָנסקע פערד מיט לאַנגע עקן, אַלע געזאָטלט.

ביילע מיט רחלען זיצן לעבן אים.

פלוצלינג דערהערט זיך פון דער ווייטנס אַ טראָמביע.

שנעל וואַרפן זיך אַלע אויף די פערד, כאַפּן די ביקסן, שטעלן זיי אָן גרייט צום שיסן.

ס'באַווייזן זיך מחנות מענטשן אויף הויכע, ווייסע פערד, מיט שוואַרצע פלעקן אויף די בייכער.

פון פאָרנט רייט אויף אַ שוואַרץ פערד אַ מענטש בלויז פון ביינער אָן פלייש. ער רייט אָן אַ צוים, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אין האַנט האָט ער אַ לאַנגע שפּיז.

זאַנוול ציטערט.

דער ביינערדיקער מענטש שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, צעלאַכט זיך ווילד און טוט אַ מאַך צו זאַנוולען מיט זיינע קנאָכן:

— העי, דו ווילער יונג, קום אַהער! מיר וועלן זיך אָפּרעכענען!

זאַנוול טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ, שפּרינגט אַרונטער און נעמט זיך באָרען מיטן טויטן.

ער שפּירט ווי דער סקעלעט מאַכט אים לעכער אין דער ברוסט מיט זיין דאַרע גאָמבע.

זאַנוולס קלעפּ טרעפן בלויז אין דער לופט. וואָס זאַנוול פאַרמעסט זיך, טרעפט ער נישט — די ביינער צעשפּרייטן זיך ביים סקעלעט און זיין פויסט טרעפט אַ הוילן פּלאַץ.

און אַ ווילד געלעכטער טראָגט זיך אין וואַלד. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זאַנוול האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און געשפּאַנט ווייטער. ער איז געגאַנגען און געציטערט, אַז גראַדול זאָל אים ערשט נישט אַנטקעגן קומען. ער האָט געוווּסט, אַז גראַדול איז גאַנצע נעכט נישט אין קבר, שלעפּט זיך אַרום איבער דער שטאָט, שרעקט איבער מענטשן. און די מאַמע אַליין איז שיער נישט געשטאָרבן פון שרעק: זי איז פאַרטאָג געגאַנגען אַריינגעמען אַ קובל וואַסער, זי קוקט זיך

אַרום, זי שטייט ביז איבערן גאַרטל אין שניי; ס'איז גאָר קיין ברונען נישטאָ. און מיט אַמאָל שפּרינגט אַרויס ווי פון דר'ערד אַ ציג אין תּכריכים און לאַכט.

זאַנוול האָט געפילט קאַלטע דרעטשעס איבערן גאַנצן לייב. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן ביילען. ער האָט געוווּסט, אַז ביילע ריכט זיך יעדן טאָג אין קימפּעט אַריין, ליגט גאַנצע נעכט אַליין און וויינט, און ס'האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן.

— אַ כאָליערע! — האָט זאַנוול מיט זיך געטענהט, — כ'בין נישט מער ווי אַ „פּסו־בראַט", אַ הינטיש לעבער! זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט נתנס טעכטערל! זי וועט נאָך ביי מיר אין פלאַכטעס אַוועק פון אונטער דער חופּה. ווי איך בין אַ ייד! גלייך ווי כ'קום נאָר אַהיים, נעם איך וווינען מיט ביילען! אַלע אויף צו להכעיס!

זאַנוול האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס האָבן זיך געצויגן אין דער וועלט אַריין ווייס־זילבערנע פעלדער. דאָס ווייסקייט האָט געבלענדט די אויגן, זיך געשפּיגלט אין טיפן, פיאָלעט־שטאָלענעם הימל.

זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז די ווייסע שניי־פעלדער הויבן זיך, וואַקסן העכער און העכער, גלייכן זיך אויס מיטן וואַלד, וואָס אַנטקעגן אים, האָט ער נאָך לייכטער אָפּגעאָטעמט, זיך דערפילט היימיש צווישן די לאַנגע, טיפע פעלדער. ער איז פריילעכער געוואָרן און אויסגעשריגן — ע, ברעכן דאַרט אַלע נקבות דעם קאָפּ! ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע, וווּ דער שניי איז געוועזן טיפער און זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז. אַזוי איז ער געלעגן עטלעכע מינוט און געקוקט גלייך אין קאַלטן פיאָלעטאָוון הימל.

נאָכדעם איז ער אויפגעשפּרונגען, באַטראַכט דעם שניי־מענטש, וואָס זיין קערפּער האָט אויסגעפּרעסט, און זיך צעלאַכט.

אַן עכאָ ווי פון מעטאַל האָט הילכיק אָפּגעקלונגען. ער האָט צעשפּרייט די הענט, זיך אויסגעצויגן אין דער לופט, אַ קרעכץ געטאָן, און די הענט האָבן גענומען הילכיק קלאַפּן אין זיינע פּלייצעס ווי אין אַ באַראַבאַן.

זאַנוול האָט זיך אַרומגעקוקט, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט דעם פאָטער זיך אַריבערצוכאַפּן נאָך „שידלאָווקע" און בשעת



מעשה געוואָר צו ווערן, וואָס עס הערט זיך ביים עקאָנאָם אין שטאַל ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן, אַריינגעשטעקט די הענט אין די בוזעם־קעשענעס און ווייטער געשפּאַנט.

— פאַר אַ לייטישן גנב — האָט זאַנוול געטראַכט — איז אַרויספירן פערד גאָר קיין געשעפט נישט! וואָס הייסט? יעדער יינג מיט אַ ביסל מאַרך אין קאָפּ קאָן עס טאָן. ביינאַכט, ווען קיינער איז נישטאָ אין שטאַל, גייט מען צו, מען עפנט אַ ברעט און מען פירט אַרויס אַ פערד. נו, סאַרע תּורה איז עס?! אָ־אָ, אַריינגיין אין אַ שטוב, ווו מענטשן שלאָפן, אויפהאַקן אַ קאַסע, אַרויסנעמען אַ „זשמעניע" מיט געלט, פאַרשטיי איך נאָך! אָבער פערד? דאָס איז אַן עסק פאַרן „אַלטן".

זאַנוול האָט באַמערקט ביים צלם אַ פרוי. ער' איז צוגעקומען נעענטער און דערקענט די משוגענע באַשע.

זי האָט געטראָגן אַ קאַפּטן אָנגעשטופּט מיט פעדערן, אַ שטרויענעם קאַפּעליוש מיט בלומען אויפן קאָפּ און שטיל געזונגען.

— באַשע, וואָס טוסטו דאָ? — האָט זי זאַנוול געפרעגט.

באַשע האָט געעפנט דאָס מויל, ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי שורות פּערל, און זי האָט זיך אידיאָטיש צעלאַכט.

— כ'זוך מיין חתן, — האָט זי געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטער. — ער האָט מיר געשריבן, אַז ער וועט קומען נאָ־שפּיץ אין פיר פערד מיט אַ קאָטש. דאָס גיי איך אים אָפּוואַרטן, כע, כע!

זאַנוול האָט זיך צעלאַכט און איר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

באַשע האָט אויסגעשאָסן מיט אַ ווילד געלעכטער.

— ווער האָט דיר אָנגעשטופּט דעם קאַפּטן מיט פעדערן? — האָט זאַנוול געפרעגט.

— וו'הייסט ווער?! מיין חתן האָט מיר דעם קאַפּטן פון דאַנציג געשיקט!

זי האָט אויפגעקנעפּלט דעם קאַפּטן, אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענע פאָטאָגראַפיע, אויסגעשניטן פון אַ ביכל:

— נאַ, זע! דאָס איז מיין חתן! אַ שיינער? כאַ, כאַ, כאַ!...

אונטערן קאַפּטן האָט די משוגענע באַשע גאָרנישט געטראָגן. אַ ווייס וואַרעם לייב האָט אַפּערגעקוקט.

זאַנוול האָט אַ ציטער געטאָן, אויסגעשפּיגן און איז אַוועק.

צופּגייענדיק עטלעכע טריט, האָט ער ווידער דערהערט ווי די משוגענע זינגט. ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל נאָך טיפער איבער די אויערן און זיך אומגעקערט.

באַשע איז געשטאַנען, געקוקט אויף זאַנוולען און געלאַכט.

זאַנוול האָט זיך געוואָרפן ווי אין אַ פיבער.

— באַשע, ווייז מיר נאָכאַמאָל דיין חתן!

— אַיאָ אַ שיינער? כע, כע, כע...

זי האָט צעקנעפּלט דעם קאַפּטן.

אַ ווייס וואַרעם לייב. ער האָט ווידער דערפילט דעם פריערדיקן עקל, נאָך האַסטיקער אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק.

די משוגענע איז אים נאָכגעלאָפן:

— מיין חתן! מיין חתן! מיין חתן!...

זאַנוול האָט פאַרקריצט מיט די ציין. ס'בלוט האָט זיך אין אים אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אויסגעדרייט, זיך פאַרמאָסטן מיט דער פויסט באַשען אין האַרץ אַריין און זי איז ווי אַ גולם אַ פאַל געטאָן אין שניי אַריין.

ער איז געלאָפן גיכער, פעסטער.

הינטער זיך האָט ער געהערט אַ ווילד געוויין, אַ שוידערלעך רעווען, אַז ס'בלוט האָט אין אים געגומען גליווערן.

— מיין חתן! מיין חתן! — האָט געקלונגען אַזוי ווילד און אָפּגעהילכט צווישן די ווייסע, ברייטע פעלדער.

---

## 23

נאַכט. אַ גרויסע שטוב.

שלמה „קראַדניק" האָט אַרויסגענומען פון קופערט אַ בעלאָרענעם רעוואָלווער, אַריינגעלייגט אין זעקל עטלעכע פּאָר שטיוול, געוואָרפן אַ בליק צום וואַנט־זייגער מיט וואָגעס:

— הם! צוועלף. נאָך אַ גאַנצע שעה.



אין בעט אונטער אַ פערינע איז געלעגן תּרצה און געכראָפּעט מיט משונהדיקע קולות.

— זיך צעפּייפט מיטן שופר! — האָט „קראַדניק" אַ בורטשע געטאָן און אויסגעשפּיגן.

ער האָט באַטראַכט זיין טאָכטער שרה, וואָס איז געשלאָפן אין אַ שלאָף־באַנק מיטן רעכטן אויג אָפן, און האָט אָפּגעזיפצט:

— ביי לייטן איז דאָס שוין אַ מאַמע!

שלמה האָט געפילט, אַז ער איז שולדיק, וואָס שרה איז נאָך אַ מויד. ער האָט שוין געקאָנט זיין אַ זיידע פון אַ האַלב טוץ אייניקלעך.

— געווען בעסערע צייטן. מען האָט געמאַכט דעם רובל לייכטער ווי היינט. שדכנים האָבן די טירן אָפּגעקלאַפּט, יינגען פלעגן זיך אַליין שדכנען, פאַרכאַפּט ווערן פאַר שרהן. און איצט?

דער גאָנער מיט די שוואַרצע פלעקן, וואָס איז געשלאָפן אונטערן אויוון, האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט אין זיין שטייג, זיך אויסגעצויגן אויף זיינע דינע פיסלעך און גענומען קלאַפּן מיט די פליגלען. דער גאָנער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל עטלעכע האָבערס, איינגעטונקט דעם קאָפּ אין אַ שיסל מיט וואַסער, אויסגעצויגן דעם האַלז. פאַרגלייזט די אויגן און אַראָפּגעשלונגען.

— יאָ, — האָט שלמה געטראַכט, — אויב ס'עסק וועט זיך מיר, אם ירצה השם, איינגעבן, איז ס'ערשטע אַ נדן פאַר שרהן! אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ! מישטיינס געזאָגט, וואָס וועט זי אויסזיצן?

שלמה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פענכער מיט טאַבאַק, אויסגעוויקלט אַ פּאַפּיראָס, געעפנט דאָס טירל פון קיך, אַרויסגעשאַרט אַ גליענדע קויל און פאַררויכערט. ער האָט אַרויסגעלאָזן עטלעכע געדיכטע קנוילן רויך און געוואָרפן אַ בליק צום פענסטער.

די טונקעלע ווענט, איינגעהילט אין שאָטנס, האָבן געוואָרפן אויף „קראַדניקן" אַ מרה־שחורה.

אין דרויסן האָט זיך צעפּייפט אַ ווינט.

שלמה האָט אַ ציטער געטאָן: אַ קרירה!

ער האָט זיך געשטעלט מיט דער פּלייצע צום וואַרעמען קאַכלאויוון און זיך ווידער פאַרטראַכט:

אויפן שאָסיי, וואָס פירט צום וועלדל, שפּאַנט יעצט זיין זאַנוול. אויב אַלץ וועט זיין ביים גליכן, וועלן זיי דורכשניידן דאָס וועלדל, שטיל אַרויספירן די צוויי קאָבילעס, זיי צופירן צום בערגל און דערנאָך — וויאָ צו משה „קוניאַרזש". אַזאַ שטיקל אַרבעט וועט אַריינברענגען איבער צוויי הונדערט קערבלעך. דער געדאַנק אַליין מאַכט שלמהן פריילעכער.

— בלי נדר — האָט שלמה צו זיך געזאָגט — אַז כ'קריג נאָר, אם ירצה השם, די פּאָר גראָשן, איז ראשית — אַ חופּה מיט שרהן!

מיט אַ שמייכל אויפן פּנים האָט ער זיך צוגעזעצט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע גרויע אויגן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער כאָליעווע אַ פלאַטשיק פלעשל מיט שנאַפּס, געטאָן אַ צוויי-דריי זופּ. ער האָט איינגעקאָרטשעט דאָס פּנים, געעפנט דאָס שפּייז-שענקל און פאַרביסן מיט אַ שטיקל דאַרן קעז.

פון גאַס האָט זיך געטראָגן אַ לאַנגער פייף פון אַ נאַכט-וועכטער, באַלד נאָכדעם — אַ וואָיען פון אַ היימלאָזן הונט.

שלמה האָט געוואָרפן אַ בליק צום פענסטער:

— הם, דער פראָסט פּאַקט זיך שוין! ער האָט זיך דאָס צעלייגט אויף די שויבן!

ער האָט אַרויסגענומען עטלעכע ציגל טאָרף, געעפנט אַ פייערקע, זיי אַריינגעשטופּט, זיך ווידער געשטעלט צום אויוון און זיך פאַרטראַכט:

— און טאָמער כאַפּט מען זיי? — איז שלמהן דורך אַ געדאַנק, און זיין דאַרער, אַלטער קערפּער האָט געציטערט.

— ווי לאַנג איז, ווי מען האָט אים געכאַפּט מיט דעם „וואָיטס" שקאַפּעס?! — ער פילט נאָך יעצט ווי עס רעגנט מיט שטעקנס, עס שניידט דאָס לייב, די הויט פּלאַצט און בלוט רינט. זיי האָבן אים אַזוי צעקיילט, אַז ער איז אַוועקגעלעגן אַ חודש צו בעט.

פון דעמאָלט אָן האָט שלמה אַלץ געגומען טראַכטן זיך צו נעמען צו אַן אַנדער פּרנסה און יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אַ פריש גנבהלע, טענהט ער, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל.

— אַ הינטיש לעבן — האָט שלמה געקלערט — אָפּגעלעבט שוין איבער פופציק יאָר, און וואָס? שרעק און שרעק! און געלט? קדחת!



שלמה האָט גענומען זיין שיטער בערדל, עס געשטעלט פּערפּענדיקולאַר צו דער גאָמבע און באַמערקט עטלעכע גרויע האָר:

— המ', אַ „פּאָוויעסטקע" — דאָס רופט מען שוין אויף יענער וועלט!

שלמה האָט זיך דערמאָנט ווי איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטאָג, איז ער געזעסן אין אַלטן בית-המדרש און געהערט ווי אַ ליטווישער מגיד האָט געמאָלט יענע וועלט, דאָס גן-עדן, דאָס גיהנום, ווי באַלד נאָכן טויט קומט דער מלאך „הדומה", קלאַפּט דריי מאָל אָן אין קבר, פרעגט דעם נאָמען. אויב ס'איז אַ צדיק ענטפערט ער באַלד, אַ זינדיקער פאַרגעסט און ווערט נע-ונד...

שלמהן דאַכט זיך ער איז טויט. דער מלאך „הדומה", עפּעס אַ הויכער, בייניקער ייד מיט לאַנגע ברעמען, פונקט ווי שמחה גרעבער, פרעגט אים דעם נאָמען און ער — פאַרגעסן..

שלמה האָט געפילט ווי עס ווערט אים קאַלעמוטנע אויפן האַרץ, האָט זיך אַ שטאַרקן שיבער געטאָן מיט די פּלייצעס אָן אויוון און זיך גענומען קראַצן דעם קאָפּ.

ער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ שטאַרקע שנאה צו משה „קוניאַרזש". מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָבן זיי צוזאַמען געגנבעט פערד און אויסגעלאָזט האָט זיך: שלמה איז דער גנב און משה — דער סוחר. משה איז היינט אַ שיינער ייד, גבאי אין אַלטן בית-המדרש, געפירט פאַראַיאָרן אַ ספר אין שול אַריין, גיט די טעכטער צו צוויי טויזנט קערבלעך נדן, נעמט זיך איידעמס אויף קעסט. און ער? שלאָפט קיין נעכט ניט, קלערט אַלץ רייכער צו מאַכן משהן.

שלמה זעט ווי משה שלאָפט יעצט ביי זיך אין אַ „ווינער" בעט מיט געשניצטע מצבות. די לאַנגע, ברייטע באָרד צעשפּרייט אויף זיין פעטע ברוסט, דער „קאַלדן" הויבט זיך אויף און אָפּ, און עס חלומט זיך אים געוויס ווי מען קלויבט אים אויס דאָזער אין שטאָט... און ער — שלמה — אַ דאַרער, אַלטער, זיצט יעצט נאָך האַלבע נאַכט און גרייט זיך גנבענען אַ פּאָר פערד, פאַר וועלכע ער וועט קריגן העלפט און משה העלפט. און ווער ווייסט צי מען וועט אים נישט כאַפּן? — — —

שלמה האָט אַ טעמפּן זיפץ געטאָן און געקוקט אויפן זייגער:

— נו, צייט זיך אַרויסצושאַרן!

ער אָט זיך אָנגעטאָן אַ וואַרעמע מאַריטאַרקע, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גרינעם גאַרטל, אַריינגעשטופּט אין גאַרטל אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעס מיט איין פינגער, אַרויפגעצויגן די לאַנגע כאָליאַוועס, אַראָפּגעדרייט דאָס לעמפּל און איז אַרויס.

הינטערן שטאָט נעבן וועלדל האָט שלמה „קראַדניק“ אַראָפּגענומען דאָס זעקל פון די פּלייצעס און זיך אָפּגעשטעלט.

שלמה האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן, דאַרן האַלז, אויסגעגלאָצט זיינע גרויע אויגן און ווי אַן אַלטער הונגעריקער וואָלף זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. ער האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און אַ פייף האָט זיך דורכגעשניטן.

פון דער צווייטער זייט וועלדל האָט מען געענטפערט מיט אַ פייף.

— אַ כוואַט אַ יינג! — האָט שלמה געטראַכט — ווען ער וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי ווילד און זיך געלאָזט רעדן פון אַ טאַטן, האַ, דעמאָלט בין איך אַ פאַרזאָרגטער אויף דער עלטער! אַ יינג גייט, ווערט פריש, געזונט און משוגע און ליבט זיך איין אין גראַדולס אלמנה. מען זאָגט עפּעס אַן אשה, ס'זאָל זיין וואָס אָנצוקוקן — — — נו, מילא, אַ יינג! דער יצר הרע שטופּט — — — אָבער ווייס איך וואָס? אַ יינג אַ גבר נעמט און פאַרליבט זיך אין אַזאַ קליין, שוואַרץ ווייבעלע! זי האָט נאָך קיין חליצה נישט גענומען און בשעת־מעשה זיך „פאַריאַטלט“ מיט זאַנוולען. און איצט די שטאָט? כ'בין דאָך שוין באַלד אַ האַלב יאָר אין בית־המדרש נישט געווען, כ'באַגראַב זיך דאָך פאַר חרפה!

זאַנוול האָט זיך באַוויזן פון וואַלד און אויסגעשריען:

— טאַטע, קום, ס'איז שפּעט!

שלמה האָט געכאַפּט דאָס זעקל און זיך אונטערגעאיילט.

— וואָס הערט זיך מכח די פערד? — האָט שלמה געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערן? — זיי שלאָפן אין שטאַל.

שלמה מיט זאַנוולען האָבן געשפּאַנט אַלץ פעסטער און פעסטער און געשוויגן.

זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי וועלף, וועלכע דער טיגער טרייבט אַרויס פון וואַלד אויפן ברייטן שאָסיי.



דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן אין איין טאַטן פאַרן בוזעם צי דער רעוואָלווער ליגט און גערעדט צו זיך אַליין:

— בולאַן, גניאַדע, קאַשטאַן, שפּאַק, כאָלעריע, משה קוניאַרזש...—

פיל מאָל האָט ער אָנגעכאַפּט זאַנוולען פאַרן אַרבל:

— שטיי, מען גייט!

זאַנוול האָט זיך אָפּגעשטעלט, געעפנט ברייטער די אויגן, אויפגעשטעלט די אויערן, זיך אַרומגעקוקט, קיינעם נישט געזען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן — דער „אַלטער“ האָט זיך שוין אויסגעוועפּט — און געשפּאַנט ווייטער.

שלמה האָט דערפילט אַ דורכדרינגענדע קעלט אין זיינע אַלטע ביינער און ער האָט זיך דערמאָנט ווי זיין תרצה ליגט יעצט אונטער זיין וואַרעמע פערענע און כראָפּעט.

— אַ היַנטיש לעבן — האָט ער ווידער געטראַכט — ס'וואָלט שוין צייט געווען זיך צוריקצוציען פון דער שיינער פרנסה.

עס האָט זיך געהערט אַ וואָיען פון אַ הונט.

— אוי, די הינט — האָט שלמה געזאָגט — אַ מיתה משונה אויף זיי! צו וואָס האָט זיי נאָך גאָט באַשאַפן?!

פון בערגל האָבן זיך געזען עטלעכע צעוואָרפענע הייזלעך.

אַרום איז געווען שטיל.

זאַנוול האָט גענומען דאָס זעקל מיט די שטיוול און געגאַנגען אין דאָרף אַריין.

אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ בילעריי. זאַנוול האָט זיך צוריקגעצויגן, דער הונט נאָך אים. באַלד האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן הונט, געכאַפּט אים מיט זיינע קלעשטשעס ביים גערדיק און גענומען שטיקן. דער הונט האָט זיך נישט לאַנג געאַמפּערט, פאַרגלייזלט די אויגן, אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע רויט־שפּיציקע צונג און געבליבן אָנמעכטיק אין זאַנוולס הענט.

זאַנוול האָט זיך אויסגעגלייכט, באַטראַכט דעם אויסגעצויגענעם הונט מיט דער אַרויסגעשטעקטער צונג, אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט: דער „אַלטער“ איז נישט געווען.

אונטערן בערגל איז געשטאַנען שלמה, געקלאַפּט אַ יאַסלע אָן אַ

יאַסלע פֿאַר שרעק. ער האָט נישט געקאָנט זען ווי זאַנוול דערשטיקט דעם הונט און ער איז אַוועק אונטערן בערגל.

זאַנוול האָט געכאַפּט דאָס זעקל און מיט דער שנעלקייט פֿון אַ יונגן ציגיינער האָט ער לייכט אַראָפּגענומען די טיר פֿון די זאַוויאַסעס.

אַ וואַרעמע פּאַרע האָט אים געשלאָגן אין געזיכט אַריין. ער האָט אַרויסגענומען בראָנפֿן, אָנגעשפּורט די פֿערד, אָנגעטאָן זיי שטיוול און זיי לייכט אַרויסגעפֿירט פֿון שטאַל.

אונטערן בערגל האָט שלמה אַריינגעלייגט די שטיוול אין אַ זעקל, פֿאַרשנורעוועט אויף דער פּלייצע.

זיי האָבן זיך אויפֿגעזעצט אויף די פֿערד און אַוועק אין דער ווייסער נאַכט אַריין.

1912, בראָנקס, ניו־יאָרק

---

# אויף יענער זייט בריק

(1910)